זיבעצענטער יאָהרגאַנג
№ 4

פּרייז 20 גראָשען. · „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער [illegible]נג

Biblyot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

[illegible]

Piątek 28 stycznia 1938 | ליכט-צינדען 3.57 | פרייטאג פ' משפטים כ'ז שבט תרצ"ח

Wyroby Zjedn. Zakł. Włók.
K. SCHEIBLERA i L. GROHMANA
gwarantują
wysoki gatunek
przy niskiej cenie
we Wieluniu w firmach:
„Bławat" - Szczecińskich
Szaja Jakób
Szaja Frymeta
Szaja Josef

אַכטונג!
צום ענדע סעזאָן נעמען מיר אָן אַלעראַרט
קירזשנער = ארבייט
ווי אויך גאַלאַנטעריע
(פוקסען און פעלערינען)
צו זעהר צוגענגליכע פרייזען
רעיעלע אויספערטיגונג. נייעסטע פאַסאָנען.
געבר. אַבערמאַן
אַלעע 1.

אכטונג יודישע
בעל=הבית'טעס!
ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז איהר זאָלט אין
אייער הויזליכען געברויך בענוצען נאר די
זייף מיט'ן „פישעל"
אויסגעאַרבייט פון די בעסטע מאַטעריאַלען.
געדענקט, אַז די זייף מיט'ן „פישעל" וואשט
זעהר גוט און שפּאָרט.
פּרובירט נאָר איין מאָל און איהר וועט שוין קיין
אַנדערע זייף מעהר נישט נוצען.
בעמערקונג: אין אונזער פאַבריק, וועלכע עקזיסטירט שוין העכער 60 יאהר ארבייטען שטענדיג בלויז יודישע ארבייטער.
FABRYKA MYDŁA
I. M. DZIUBAS i S-ka
ul. Fabryczna 1—3.

Rzecznik patentowy
Dr. Inż. M. Kaufman
Katowice, Mielęckiego 10. — Tel. 315-00.
Patenty, wzory, znaki towarowe
w kraju i za granicą.

LOKAL FABRYCZNY
parter, sala 15x4 do wynajęcia od zaraz.
I. Liberman, Krótka 8.

האלאָ וויעלון און אומגעגענד!
I. M. TOBIASZ דאס ניי-געעפענטע שיך=געשעפט פון
נאַרוטאָוויטשאַ 15 עמפּפעהלט די עלעגאַנטסטע און דויערהאפטסטע דאַמען, מענער און קינדער-שיך פון דער לעצטער מאָדע צו ביליגע פּרייזען. רעיעלע בעהאנדלונג. קומט זיך איבערצייגען.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען קראַגענס מיט לאנג - דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אַלעראַרט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט
ס'ווערען אויך אנגענומען מאגאזין-העמדער צום פרעסען
אַלץ צו ביליגע פּרייזען.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21
אַכטונג: שבת, ד. 22 יאַנואַר און יעדען שבת פראַקטישע לעקציע
פאַר יודישער געזעלשאפט.
אָנהויב 6 אָוונט. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

לחברתנו סטפה פוטרקו
לארוסיה עם מר מרין לובלסקי
שפעת ברכות ואחולים לבביים
המזכירות
של הקהלה העברית
בצ'נסטוכובה.

א הארציגען מזל-טוב דער פרל. סטעפא פוטערקא
צו איהר תנאים מיט ה' מאריאן לובעלסקי
שמחה לאסמאן

Adwokat
Estera Epsteinówna
przeniósł kancelarję do lokalu
w Częstochewie przy ul. Najśw. Marii Panny № 23
tel. 24 68.

צו דער טשענסטאַכאָווער יודישער בעפעלקערונג!

צוליב דער אלץ-שטייגענדער פינאנסיעלער קריטישער לאַגע ביי די טשענסטאכאווער יודישע בעקריי.אייגענטימער, וועלכע ווערען שטאַרק גע'רודפ'ט פאַר נישט אָבהיטען ווי געהעריג דעם זונטאג-רוה, האט די פערוואלטונג פון בעקער - צעך זיך געפיהלט געצוואונגען צו רופען א פערזאמלונג פון די בעקער אויף פערג. זונטאג, דעם 23 ד. ח. אויף דער דאָזיגער פערזאמלונג, אין וועלכער ס'האבען זיך בעטייליגט אלע היגע בעקעריי אייגענטימער איז בעשלאָסען געווארען שטרענג אָבצוהיטען דעם זונטאג-רוה, כדי אויסצומיידען די גרויסע געלד-און אַרעסט שטראפען, וועלכע יעדער בעקעריי אייגענטימער איז אונטערגעוואָרפען.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג זיך צו פערזאָרגען מיט געבעקס פרייטאג אדער שבת-צו נאַכט'ס, כדי נישט צו בלייבען זונטאג אָהן געבעקס.

גלייכצייטיג מאכען מיר אויפמערקזאַם די בעקעריי-אייגענטימער, אז דאס ברויט פון שבת צו נאָכט'ס דאַרף גלייך צושיקט ווערען די גאַספאַדעס, כדי נישט צו פערגוואַלדיגען דעם זונטאג-רוה.

דורך די פערזאַמעלטע בעקער'ס איז אויך אויסגעוועהלט געווארען א קאַנטראָל-קאָמיסיע, וועלכע וועט האבען די אויפגאבע צו קאָנטראָלירען צי דער בעשלוס פון דער פערזאמלונג ווערט אויסגעפיהרט.

אויב די קאָנטראָל-קאָמיסיע וועט טרעפען עמיצען שיקען דאס ברויט אין א געוועלב אריין — וועט ער אונטערליגען די זעלבע שטראָף, וואס פאר באקען אום זונטאג. כדי דאס אויסצומיידען דאַרף דאס ברויט צוגעשיקט ווערען נאָר שבת-צו נאָכטס.

די קאָנטראָל קאָמיסיע האט צו-וויסען געטהון מונדליך די עטליכע בעקערס, וועלכע זענען נישט אנוועזענד געוועזען אויף דער פערזאמלונג וועגען די אנגענומענע רעזאָלוציעס דעם 23 דח.

צוגלייך רופען מיר זונטאג, דעם 30 יאנואר ד. י. 10 א זייגער פריה אין לאָקאָל פון האנדווערקער-פערבאנד א פערזאמלונג פון אַלע בעקער-מייסטערס. אויפ'ן טאג-אָרדנונג — א רייה לויפענדע פראַגען.

די פערוואלטונג פון יודישען בעקער-צעך.

דער קאָנצעסיאָנירטער
עלעקטראָמעכאַניקער
ה. קינרוס, 1-טע אלעע 6
טעלעפאָן 14=47
נעמט אָן אַלערליי רעפּעראַציעס פון וואַרים - אפּאראטען, ווי: פרעס-אייזענס, קיכלען, עלעקטרישע קישענס, ווי אויך מאָטאָרען.
אַ גרויסער אויסוואהל פון וואַרים רעהרען צו גאלוואנישע צוועקען.
פליטען און קעסלען אויף וואסער פאַר צעלולאָיד-פאבריקען.
בעמערקונג: מיין פירמע האט נישט מעהר קיין שייכות צו דער פירמע „עאַג."

ראנקזאגונג.

די פערוואלטונג פון „תומכי עניים" דריקט אויס איהר הערצליכסטען דאַנק דעם חשוב'ן

אדוואָקאט ה' עליאַש קרויסקאָפּף

פאר זיין ערפאָלגרייכען און געלונגענעם אדורכפיהרען דעם פראָצעס וועגען דער עקסמיסיע, וואס האט געדראהט אונזער אינסטיטוציע און דערביי האט ער זיין מיה און צייט געשאנקען דעם דאזיגען ענין אינגאנצען אהן יעדען האָנאָראַר.

די פערוואלטונג.

HALA LEDERMANÓWNA
IGNACY TAFLEWICZ
ZARĘCZENI
Częstochowa w styczniu 1938 r. Łódź

Szefostwu naszemu, p-wu LEDERMAN, z intencji zaręczyn Ich Córki HALI z p. IGNACYM TAFLEWICZEM, życzymy wiele pociechy. Narzeczeństwu — dużo szczęścia
PERSONEL firmy LEDERMAN

אונזער פריינד ה' לייב לעדערמאַן און פרוי א הארציגען מזל-טוב
צו דער פערלאָבונג פון זייער ערשטער טאָכטער.
דערלעבט ביי זיי פיעל נחת,
שרה און שמואל פראנק

אונזער שכן ש. ראָזענצווייג און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער
פר' מאַניע מיט ה' יעקב באַלזאַם
אַ הערצליכען מז"ט און פיעל גוטס ווינשען
אהרן סטאַפּניצער און פרוי

א הארציגען מז"ט ווינשען מיר אונזער גבאי ה' שלמה אונגליק און פרוי
גיטל צו דער חתונה פון זייער טאָכטער באַלטשע מיט בערל אונגליק
זאָלען זיי דערלעבען פיעל נחת. דעם יונגען פאָר — א גליקליך צוזאמענלעבען.
חברה „לומדי תנ"ך".

ב"ה ווילון.
אברהם משה קרישאק | מאורשים | רבקה זאַלצבערג
ברכת מז"ט להורינו יחי' ולאחותינו וגיסתינו רבקה ת' לאירושי'. יהי רעוא שמזלכם יאיר כשמש בצהרים.
בניכם ואחיך: דניאל שמעון זאַלצבערג ורעיתו, אברהם לייב חתנכם וגיסך אברהם אלעזר ראַזבאך ורעיתו.

נ"ע דוב בער האראוויטש

איז געשטאָרבען נאך לאנגע און שווערע לײדען אין עלטער פון 73 יאהר.

די אלע, וואס האבען ארויסגעוויזען איבערגעגעבענהייט בעת זיין קראנקהייט און זיך בעטייליגט אין דער לויה פרייטאג, דעם 2 ד. ח. (י"ט שבט תרצ"ח) און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד, דריקען מיר אויס דעם איניגסטען דאנק די טרויערענדע

פרוי, טעכטער, זיהן, איידעמס, שניר און אייניקלעך. ווילון.

דער פאמיליע האראוויטש דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב'ן טויט פון זייער פאָטער און מאן
בערל.
אייער — צער אונזער צער.
קאלכשטיין, אברהם און מרים קרזוק
גושקא און העניעק יוזעפאָוויטש.

אונזערע פריינד מרדכי און מאניע לועל צוליעב'ן טויט פון זייער פאָטער און שווער
חיים יוסף
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
אהרן פילצער און פרוי,
מרדכי ליפקאָוויטש און פרוי.

את חברנו פייטל כמורא ורעיתו לרגלי מות אביהם עליהם
בערל הורוביץ ז"ל
מביעה את השתתפותה בצערם
הסתדרות הציונים הכלליים
סניף בוילון.

אונזערע מחותנים אברהם בראם און פאמיליע צוליב'ן טויט פון זייער פאָטער, שווער און זיידע נ"ע
חיים יוסף
דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען אויס
פאַמיליע פרישמאַן.

צוליעב'ן טויט פון אונזער מחותן **דוב בער האראָוויטש**
דריקען מיר אויס דער אין טרויער פערבליבענער פאמיליע אונזער טיעפסטען צער און מיטגעפיהל. זייט געטרייסט!
איידל הירשבערג, טשענסטאָכאָוו
העלא און מאריען הירשבערג " באלטשא און בערל הירשבערג, ווילון

איבערשיכטונג.

דער הייגטיגער פוילישער סיים פערנעמט זיך שטארק מיט דער יודען-פראגע. ביי אלע דיסקוסיעס, וועלכע קומען פאר סיי אין די בודזשעט-קאמיסיעס בנוגע די בעזונדערע מיניסטעריומס, סיי אויף די פלענארע זיצונגען פון סיים, פערנעמט די יודען-פראגע דעם אויבען-אן.

עס רעדען וועגען די יודען אין פוילען די רעפערענטען פון די קאמיסיעס, עס רעדען די מיניסטארען און די וואך האט אויך געהאלטען א גרויסע רעדע וועגען דער יודען פראגע אין פוילען — דער סאמאראדנע פרעמיער-מיניסטער.

בעת דער פרעמיער-מיניסטער האט מבטיח געווען, אז עס קומט פאר און עס וועט ווייטער פארקומען דער עקאנאמיש-ווירטשאפטליכער קאמף געגען יודען, האט ער אונז פארגעווארפען, אז מיר אליין האבען ערשט נישט לאנג גערעדט וועגען איבערשיכטונג, און איצט האבען מיר פערדרוס, ווען אין דער פוילישער געזעלשאפט קומט פאר א רעאקציע, וועלכע שטיפט דערצו, אז יודען אין פוילען זאלען זיך טאקי איבערשיכטען.

מיר האלטען, אז טראץ דעם, וואס מיר זענען ווייט פישט איינשטימיג מיט די אויספיהרונגען פון דער קאנצעפציע — פון פיהרען א עקאנאמישען קאמף געגען גלייכבערעכטיגטע בירגער פון זעלבען לאנד, דארפען מיר זיך אבער אלס פרט אבשטעלען אויפ'ן אויסדרוק: איבערשיכטונג פון די יודישע מאסען.

יא, עס דארף מאקי פארקומען אנ'בערשיכטונג, אויך מיר זענען דערפאר. גענוג שוין געווען א פאלק פון סוחרים און סטראגאניאזשעס. ביטע זעהר, אויב די פוילישע געזעלשאפט זעהט איהר איינציגע גאולה אין סטראגאן, מא זאל זי איהם צונעמען, זאלען זיי אויך וויסען דעם זיסען טעם פון סטראגאן, דערפאר ווילען מיר אבער, אז אונזערע ברידער זאלען ווערען פראלעטאריער, פראדוקטיווע עלעמענטען און זיך שטעלען ארבייטען ביים ווארשטאט, ביי דער מאשין.

דער ווילען פון די גרויסע יודישע מאסען זיך צו פערנעמען מיט פיזישער ארבייט איז א גרויסער. הונדערטער און טויזענדער פון דער יודישער יוגענד, און נישט בלויז יוגענד, נאר אויך מיטעלע און עלטערע יודען, געוועזענע סוחרים, בעלאגערען די יודישע פאבריקען און בעטען זיך ארבייט. זיי זענען גרייט צו טהון כל עבודת פרך, נאר מען זאל זיי צונעמען צו דער ארבייט.

און זאל דא געזאגט ווערען אפען און קלאר: אונזערע יודישע פאבריקאנטען, סיי די, וועלכע האבען שוין לאנג זייערע פאבריקען, סיי די פריש אויפגעקומענע פאבריקאנטען, האבען נישט קיין פערשטענדניס פאר דער דאזיגער איבערשיכטונג פון די יודישע מאסען. מיר בעשולדיגען אפען די יודישע פאבריקאנטען אין פעררעט לגבי זייערע אייגענע ברידער. אין א צייט, ווען מיר ווערען ארומגערינגעלט פון שונאים, וועלכע ווילען אונז אויסהונגערן, טהוען די יודישע פאבריקאנטען גארנישט, כדי מיטצוהעלפען אין דאזיגען אבוועהר-קאמף.

די יודישע פאבריקאנטען, ווען מען דריקט זיי צו צו דער וואנד, גיבען פערשידענע תירוצים, און צום גרעסטען טייל פוילע תירוצים. ווייל וואס ארט זיי די נויט און ליידען פון די גרויסע מאסען, ווען זיי זענען מיט זייערע פאבריקען דערווייל פערזיכערט.

דער שרייבער פון די שורות האט זיך פעראינטערעסירט מיט דער דאזיגער פראגע און האט געהאט ביטערע ענטטוישונגען. דאס הארץ שניידט פאר וועהטאג, צוקוקענדיג, ווי אזוי די יודישע פאבריקאנטען בעציהען זיך מיט סימפאטיע, ווען עס האנדעלט זיך ביים צונעמען צו דער ארבייט א נישט-יודישען ארבייטער און ווי עס קומט אן מיט די גרינגע ווערים, ווען מען דארף אריינשטופען. איך שטרייך אונטער דאס ווארט אריינשטופען א יודישען ארבייטער אין א יודישער פאבריק.

די לעצטע צייטען ווערען געשאפען פערשידענע קאמיטעטען—ווירטשאפטליכע קאמיטעטען, אויפבוי-קאמיטעטען און נאך ענליכע קאמיטעטען. די אויפגאבע פון דער יודישער געזעלשאפט, סיי אין פוילען, סיי אין דער וועלט, דארף זיין צו שאפען איין קאמיטעט, וועלכער זאל האבען איין ציעל, איין אויפגאבע: מיטהעלפען צו דער איבערשיכטונג פון די יודישע פויפעריזירטע מאסען. דערצו דארף מען אבער האבען אויך די פערשטענדניש און מיטהילף פון די יודישע פאבריקאנטען, וועלכע זאלען פערשטעהן, אז אויסער פאבריקאנטען זענען זיי אויך יודען און זייער פליכט איז מיטצוהעלפען צו דער איבערשיכטונג פון די יודישע מאסען אין פוילען.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— אין דער סיים - קאמיסיע קומט פאר דער המשך פון דער דעבאטע איבער'ן בודזשעט פון די בעזונדערע מיניסטעריומס. ביים סוף פון דער דעבאטע איבער'ן בודזשעט פון אינערן מיניסטעריום האט געהאלטען א גרויסע רעדע דער פרעמיער-מיניסטער גענ. סקלאדקאווסקי, וועלכער האט אויך בעריהרט די יודען-פראגע. דער פרעמיער האט פערזיכערט, אז די רעגירונג האט אנ'אונערשיטערליכען ווילען צו לעזען די יודען פראגע און צו דערהאלטען די רוה אין לאנד. דער ווירטשאפטליכער קאמף וועט אבער ווייטער געפיהרט ווערען, ווייל דער דראנג פונ'ם פויער אינ'ם שטאדט אריין מוז ווייטער געשטיצט ווערען. גענ. סקלאדקאווסקי איז אויך שארף ארויסגעטרעטען געגען די אינטערווענצען פון אויסלאנד אין דער יודען-פראגע אין פוילען, וועלכע ער האט בעצייכענט אלס חוצפה'דיגע און בעליידיגענדע פאר'ן פוילישען פאלק.

— לויט א פעראָרדנונג פון דער מאכט איז פולשטענדיג אבגעשטעלט געווארען „דער שטירמער", וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין דייטשלאנד דורכ'ן בעקאנטען שונא ישראל יוליוס שטרייכער. „דער שטירמער" האט אין זיינע לעצטע נומערן אנגעגריפען די דייטשע דעווייזען צענטראלע, פארווארפענדיג איהר, אז זי ארבייט מיט יודען.

— די טשערנאוויצער מאכט האט אבגעשטעלט די „אסט-יודישע צייטונג", וואס פלעגט ערשיינען דריי מאל א וואך אין דער דייטשער שפראך אונטער דער רעדאקציע פון דר. מאיר עבנער.

— בעת אנ'אינטערנאציאנאלען פוטבאל-מעטש וועגען דער וועלט-מייסטערשאפט צווישען די רעפרעזענטאנצען פון גריכענלאנד און ארץ-ישראל, האט די יודישע מאנשאפט צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע געבילדעט די אפיציעלע מלוכה-רעפרעזענטאנץ פון א"י.

— שבת, דעם 22 דח. 8 א זייגער אין אוונט איז אין פאריז, נאך דער דורכגעפיהרטער אפעראציע געשטארבען פרוי טערעזא בלום, די פרוי פונ'ם געוועזענעם טראנצויזישען פרעמיער לעאן בלום.

— אויף א זיצונג פון העכסטען סאוויעטישען ראט, אין דער אנוועזענהייט פון סטאלינ'ען, איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע סאוויעטישע רעגירונג לויט דער רשימה און הסכם מיט מאלאטאוו'ס פארשלאג. די אבשטימונג איז פארגעקומען דורך הויבען די הענד.

— אין דער אנוועזענהייט פון 550 דעפוטאטען, א גרויסע צאהל רעגירונגס-פארשטעהער און א צאהלרייך טובליקום, האט זיך דער פראנצויזישער פרעמיער שאטאן מיט זיין נייער רעגירונג פארגעשטעלט פאר דער זיצונג פון פארלאמענט. אויף דער דאזיגער זיצונג האט פרעמיער שאטאן איבערגעלייענט די רעגירונגס-דעקלאראציע. נאך א קורצער דיסקוסיע איז פארגעקומען די אבשטימונג, בעת וועלכער 501 שטימען זענען אבגעגעבען געווארען פאר דער רעגירונג און נעגען — בלויז 1 שטימע.

— אין ווארשא איז געשטארבען דער געוו. פינאנץ-מיניסטער גאבריעל טשעכאוויטש. דער פערשטארבענער איז אין זיין קאריערע דורכגעגאנגען פערשידענע שטאנדען: פון שעף פון אנ'אבטיילונג, דירעקטאר פון א דעפארטאמענט, וויצע-מיניסטער און דאן מיניסטער.

— די רומענישע רעגירונג האט פעראפענטליכט א רייהע נייע פעראָרדנונגען, וואס זענען געציעלט געגען יודען. עס איז שוין ארויס א דעקרעט וועגען דער רעוויזיע פון די נאטוראליזאציעס אין רומעניען. די יעניגע, וואס פאלען ארונטער אונטער'ן דאזיגען דעקרעט וועלען געשטראכען ווערען פון די וועהלער-ליסטעס צום פארלאמענט ביז זיי וועלען נישט צוריקגעשטעלט ווערען אין זייערע רעכט.

— דאס רומענישע ארבייטס מיניסטעריום האט פעראָרדנעט נישט צו בעניצען די וואוין-ערלויבנישען פון פרעמדע בירגער, וואס האבען זייערע פירמעס רעגיסטרירט נאך דעם 1 יאנואר 1930. וואס עס וועט געשעהן מיט די פערמעגענס פון די פרעמדע בירגער, וועלכע וועלען מוזען פערלאזען רומעניען ווערט דערווייל נישט געזאגט. עס ווערט אויך געמאלדען, אז יודען זאלען להבא נישט בעקומען קיין דעוויזען אויף רייזעס קיין אויסלאנד. דער פערבאט בעציהט זיך נישט אויף רייזעס אין האנדעלס-ענינים.

— דאס רומענישע בילדונגס מיניסטעריום האט פעראָרדענט ארויסצושיקען פון לאנד אלע רבנים, וואס זענען נישט קיין רומענישע בירגער. עס זאל אויך ארויס א פעראָרדנונג וועגען צונעמען ביי יודען די ערלויבנישען אויף געוועהר.

— קיין זשענעווא זענען אנגעקומען 3 יודישע דעלעגאציעס, כדי צו שטיצען פאר'ן פעלקער-בונד ראט די פעטיציע בנוגע דער לאגע פון די יודען אין רומעניען. אויף דער ערעפנונגס-סעסיע האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די בעשלאסענע טאג-ארדנונג פון דער סעסיע שליסט נישט איין די בעהאנדלונג פון די יודישע פעטיציעס וועגען דער לאגע פון דער יודישער מינדערהייט אין רומעניען. די מיניסטארען רעלבאס און אידען האבען בעשלאסען צו בעזוכען דעם רומענישען אויסערן-מיניסטער מיטשעסקו און זייערע געשפרעכען צו ווידמען דער בעהאנדלונג פון די מינדערהייטען דורך דער נייער רעגירונג.

Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

מען קאן לעבען, נאר מען לאזט נישט...

קליינער פעליעטאן

— מנע, מנע, איז דאס א וועלטיל, זאל עס גאר נישט געדאכט ווערען. מען קאן לעבען נאר מען לאזט נישט לעבען.

אט מיט אזא סימן, אנשטאט א גוט מארגען, איז צו מיר געכאפען אריין מיין שכן ישראל יודעל.

איך האב פערשטאנען, אז ביי מיין שכן איז עפיס אנגעדראלעט אויפ'ן הארצען און ער וויל אויסשיטען אזוי ווי זיין שטייגער איז פון תמיד. ער וויל זיך ארויסזאגען, קריטיקירען, מיט איין ווארט — זיך ארויסרעדען פון הארצען. איך האב דעריבער זיך געמאכט נישט הערענדיג און בין ווייטער געזעסען פערטיפט אין דער צייטונג, לעזענדיג די אינטערעסאנטע בעריכטען פון סיים, וואו די יודען-פראגע שטעהט אין צענטער פון אלע דיסקוסיעס, און וואו יעדער דעפוטאט קומט אלץ מיט אנדערע חכמות, ווי אזוי די יודען ארויסצושיקען פון פוילען.

מיין שכן האט פערשטאנען דעם טריק מיינעם, האט ער זיך נישט צערעמאניעט, נאר מיר מיט געוואלד אוועקגעשלעפט די צייטונג פון די אויגען און אנגעהויבען מיך צו מוסר'ן, הלמאי איך בין נאך אזוי פערנאריט און לעז בהתמדה א צייטונג, אזוי ווי עס וואלט דארט געווען תורת-לאקשען, אדער אזוי ווי אין דער צייטונג וואלט מען געפונען ישועות ונחמות. זעהט איהר, איך—בעריהמט זיך מיין שכן—לעז שוין לאנג נישט קיין צייטונג און ווען די דאקטוירים אדער די געזעלשאפטען, וועלכע פערנעמען זיך מיט דער מיסיע צו פערהיטען דאס געזונד פון דער יודישער בעפעלקערונג, ווי דער „טאז" וכדומה, וואלטען ערנסט געמיינט מיט זייער אויפגאבע, וואלטען זיי געטראפט קודם כל נישט לאזען יודען לייענען קיין צייטונגען, ווייל זיי מאכען נערוועזיש און שוואכען אב דאס געזונד.

— נו, יא — זאג איך — איהר זענט טאקי גערעכט; ליידער זעהט מען נישט קיין איין גוט ווארט פאר אונז יודען אין די צייטונגען, און עס וואלט א סך געזונטער געווען, ווען עס וואלטען אינגאנצען קיין צייטונגען נישט געווען, ווייל זיי האבען אויפגעהערט צו ערפולען זייערע פליכטען אלס אינפארמאטארען און זענען געווארען א מיטעל פון העצען און אנצינדען שרפות. איך אבער — פערטיידיג איך זיך — אלס פאכמאן, מוז דאך לעזען א צייטונג, כ'מוז דאך זעהען, וואס אנדערע שרייבען, כדי איך זאל וויסען וואס צוריקצושרייבען, און איבריגענס — —

— לאזט מיך געמאך איצט מיט די צייטונגען — שפרינגט אויף מיין שכן— איך וויל נישט איצט און האב נישט ברעה צו פיהרען קיין דיסקוסיעס וועגען אייערע בלעטער. איך וויל אייך עפיס דערצעהלען, וואס וועט אייך מצהר פעראינטערעסירען, ווי אלע צייטונגען צוזאמען.

— אזוי גאר — מאך איך א נאאיווע מינע — אזעלכע וויכטיגע נייעסען האט איהר און איהר שווייגט? אדרבה, דערצעהלט.

— אט האסטו דיר — ענטפערט אב ישראל יודעל — שוין א שעה צייט, ווי איך בין דא און איהר לאזט מיך צום ווארט נישט קומען.

— הכלל — זאג איך צו ישראל יודלען — שיסט, דערצעהלט אייערע נייעסען און אויב זיי וועלען זיין אינטערעסאנט, וועל איך זיי איפשרייבען און זאל די גאנצע שטאדט וועגען דעם וויסען.

קודם כל, וויל איך אייך איבערגעבען—זאגט מיין שכן—אז די האנדווערקער-צענטראלע האט בעשלאסען נישט אנטייל צו נעמען אין קאנגרעס פון די פוילישע יודען און דאס איז א גרויסער קלאפ תאר דער אידעע פון קאנגרעס.

— מיט וואס איז דאס אזא קלאפ— בין איך נייגעריג. — דערמיט — זאגט ישראל יודעל—וואס די איניציאטארען פון קאנגרעס פון די פוילישע יודען זענען געווען זיכער, אז זיי האבען שוין געכאפט דעם האז ביים עק, אז זיי וועלען שוין קאנען אדורכפיהרען זייער פארטייאישע ציעלען. אי דאס, וואס דער „בונד" געהט נישט, וועלען זיי זיך פערענטפערען, אז דער „בונד" וויל איבערהויפט נישט געהן צוזאמען אין כלל-ישראל פראגען. זיי האבען אויך שוין געהאט א תירוץ בנוגע דער „אגודה", אז זיי זענען פינסטערע קלעריקאלען און אז דער רוב מנין און בנין פון יודישען פאלק געהט יעדענפאלס געאייניגט צום קאנגרעס. פון די פאלקיסטען ווידער האט מען איבערהויפט געמאכט חוזק. ווער זענען זיי און וואס זענען זיי—האבען די ארגאניזאטארען פון קאנגרעס גע'טענה'ט. איצט אבער, אז דער צענטראלער האנדווערקער-פערבאנד האט אויך בעשלאסען נישט צו געהן, איז ביטער, ווערט קאליע דער גאנצער ענין. איהר זעהט—פערענדיגט זיין מענה-לשון מיין שכן—מען קאן לעבען, נאר מען לאזט נישט...

און די צווייטע געשעהעניש, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, איז נוגע דעם כלל ישראל אין טשענסטאכאוו.

ווי איהר ווייסט—הויבט אן צו רעדען מיט פאטאס מיין שכן, ארויפרוקענדיג זיך דאס היטעל—עגזיסטירט ביי אונז, פונקט אזוי ווי אומעטום, וואו עס לעבען נאר יודען, א חברה-קדישא, וועלכע האט די אויפגאבע צו בעגראבען פערשטארבענע יודען. אין זעלבען לאקאל פון דער חברה קדישא צוטיילט אויך די „תומכי-עניים" יעדען שבת חלה מיט ברויט פאר הונגעריגע און דערמיט לאזט זי זיי נישט שטארבען. אייגענטליך איז דאס א שטיקעל קאנקורענץ, ווייל בעת די חב"ה-קדישא איז פעראינטערעסירט, אז זי זאל נישט בלייבען „ארבייטסלאז", קומט די „תומכי-עניים" און ווירקט מיט, אז מענשען זאלען נאך קאנען אביסעל לעבען. דאס האט אבער נישט געקאנט פערליידען דער ווירט פון הויז, וואו ס'געפינט זיך דער לאקאל פון דער חברה און ער האט זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע צו ליקווידירען די חברה-קדישא צוזאמען מיט די „תומכי עניים", מאטיווירענדיג דערמיט, אז אויב עס וועט נישט זיין קיין חברה קדישא, וועלען נישט זיין קיין טויטע, ווארום, וועמען וועט גליסטען צו שטארבען, וויסענדיג פון פאראויס, אז מען וועט איהם לאזען ליגען פון אויבען; דאן זאל אויך א סוף נעמען צו די „תומכי-עניים", ווייל אויב מען וועט נישט טיילען קיין חלה מיט ברויט, וועלען נישט זיין קיין הונגעריגע, ווארום קאן מען זיך דען דערלויבען צו הונגערען, אויב מען ווייסט פון פריהער, אז מען וועט נישט האבען צו עסען...

איז ווי איהר זעהט—איז מיין שכן מסביר זיין אויסטייטשונג, דער איידעלער ווירט, געווען בעהערשט פון א הומאניטארען געפיהל, ער האט פשוט נישט געקאנט צוקוקען דעם צער, סיי פון די מענשען, וואס מוזען צוליעב דער חברה קדישא שטארבען און סיי פון די הונגעריגע, וועלכע מוזען אנקומען צו דער „תומכי-עניים"... זיין ווייך ריין-מענשליך הארץ האט דאס נישט געקאנט מעהר אויסהאלטען און ער האט בעשלאסען איינמאל פאר אלעמאל צו ליקווידירען ביידע אינסטיטוציעס מיט איין קלאפ. זאלען מענשען מעהר נישט שטארבען—בלע המות לנצח, און פטור!

היות אבער ווי די דאזיגע צוויי אינסטיטוציעס האבען זיך אליין נישט געוואלט ליקווידירען, האט דער בעל הבית בעשלאסען זיי מיט געוואלד צו בעזייטיגען און לאין ברירה נעבעך זיי איינגעקלאגט אויף אנ'עקסמיסיע.

אנדערטהאלבען יאהר האבען געדויערט די פערהאנדלונגען, ביז די ריכטער האבען אויך מסכים געווען, אז געגוג, יודען דארפען נישט מעהר שטארבען און נישט הונגערן, און דאס געריכט האט ארויסגעגעבען א וויראק אויף אנ'עקסמיסיע. די עקסמיסיע האט געדארפט אויסגעפיהרט ווערען דעם פערגאנגענעם מאנטאג.

מיט א פערכאפטען אטעם האט דער ווירט שוין געווארט, אז עס זאל קומען די מינוט פון זיין אויסגעטרוימטען חלום. ער האט אויף זיינע עלטערע יאהרען געוואלט מזכה זיין די טשענסטאכאווער יודען מיט'ן אייביגען לעבען. הפנים אבער, אז דאס איז אונז נישט בעשערט געווען.

קיינער ווייסט נישט, וואס דא איז געשעהען—אין דער לעצטער מינוט, ווען מען האט געווארט עס זאל קומען דער משיח אין געשטאלט פון קאמארניק, האט מען געווארט און געווארט, און ער איז—נישט געקומען...

אזוי ארום—פערענדיגט זיין דערצעהלונג מיין שכן—איז דער גרויסער הערליכער פלאן צושטערט געווארען. די חברה קדישא וועט זיך ווייטער מוזען פערנעמען מיט קובר-זיין יודען, וועלכע וועלען מוזען ווייטער שטארבען, און די „תומכי עניים" וועט ווייטער מוזען געבען הונגעריגע ברויט.

יא, מען וואלט געקאנט אייביג לעבען, נאר מען לאזט נישט...

סמאל

עקיבא פויגעל

די אייביגקייט פון יודישען פאלק

(סוף).

לעצטענס האבען מיר אויגעקריגען דאס קליינע – בכמות ובאיכות – רומעניען, וועלכע, נישט קאנענדיג זיך מיט עפיס אנדערש בעווייזען פאר דער וועלט, האט זיך ענטשלאסען צו ערקלערען קריעג דעם אונבעוואפענטען יודישען פאלק. רומעניען און דאס צארישע רוסלאנד זענען פון שטענדיג אן געוועזען די קלאסישע לענדער פון פאגראמען און יודען-רדיפות. יעצט ווילען די רומענער אדורכפיהרען א יודען-פאגראם נור אין זיידענע הענדשקעס, דורך ווירטשאפטליכע דיסקרימינאציעס און מאראלישע ערנידערונגען. אמאל וואלט עס געהייסען, אז זיי ווילען די יודען אויסהונגערען און זיי צוקלעבען געלע לאטעס. לויט די פרעסע-בעריכטען האבען זיי זיך שוין גענומען אויספיהרען זייער דאזיגע „זויבערע" ארבייט, נישט רעכענענדיג זיך מיט די פראטעסטען פון די מעכטיגע דעמאקראטישע לענדער, פון וועלכע זיי זענען אין פערשידענע הינזיכטען אבהענגיג. דאס בעווייזט א איבריגע מאל, או ווען עס האלט ביי וועה-טהון יודען, פערשוואונדט דער פערנונפט, דער שכל הישר און זייער ארט פערנעמט סטעפע און בלינדע שנאה.

צו דעם אלעם קומט נאך צו די איינציגווייזע פאשיזירונג פון א טייל מלוכות שוין נישט בלויז אין אייראפא, וועלכע ברענגט מיט זיך מיט אונפערמיידליך אונטערדריקונג פון יודען, אויב אזעלכע געפינען זיך אין די בעטרעפענדע לענדער.

ווי מיר זעהען האבען אונזערע פיינד גענוגענדע גרונדען זיך צו פרעהען: א טייל מלוכות האט אונז מלחמה אנגעזאגט און אין אונזער בויענדען זיך לאנד איז אויך נישט פרעהליך. דער ווארם פון יאוש, וועלכער האט נאך ביז נישט לאנג גענעסטעט אין די הערצער פון די אינפערבעסערליכע געשוואוירענע פעסימיסטען פון צווישען אונז, קריכט איינציגווייז אריין און גריזשעט די הערצער פון וואס אמאל גרעסערע טיילען פון יודישען פאלק.

צי איז דער דאזיגער יאוש און פערצווייפלונג בערעכטיגט? ניין! ווייל, אבסטראהירענדיג שוין פון דעם, אז יודישע ליידען און טרערען געהען נישט פערלוירען, אז יודישע צרות זענען זיך בלוטיג און גרויזאם נוקם, אז די בעדריקער פון יודישען פאלק האבען נאך קיינמאל קיין גוטען סוף נישט געהאט, ווי עס איבערצייגט אונז דערין די היסטאריע פון אונזערע שונאים (מצרים, בבל, גריכענלאנד, רוים, שפאניען, פארטוגאליען א. אנד.), אבסטראהירענדיג פון דעם אלעם, איז נאך אונזער לאגע ח"ו נישט אויסוויכטלאז. מיר זענען אדורכגעגאנגען צעהני-פאך-ערגערע צייטען, ווי די היינטיגע און דאך לעבען מיר ביז'ן היינטיגען טאג. צי זענען אונזערע ליידען אין פערצייטישען היידנישען מצרים, וואו מיר זענען נאכנישט געוועזען צומאלט קיין ארגאניזירט פאלק, נישט געוועזען גרויזאמערע, ווי די היינטיגע? צי זענען מיר אין אלטערטום נישט פיעל ערגער בעהאנדעלט געווארען, ווי היינט? און ווי האט אויסגעזעהען אונזער לאגע בעת די בלוטיגע, שוידערליכע קרייץ-צוגען? און שפעטער, ווען דאס קריסטענטום האט בעצווינגען דעם גרעסטען טייל ציוויליזירטע לענדער, ווי האט זיך צו אונז די קירכע בעצויגען? דאכט זיך, אז ס'איז גענוג צו דערמאנען דעם גרויס - אינקוויזיטאר טארקוועמאדא, כדי נאך היינט עס זאל אדורך א שוידער אין די ביינער. יא, וואס, וואס, אבער צרות האבען אונז קיינמאל נישט געפעהלט.

דער שמערץ איז היינט אפשר שטארקער צוליעב דעם, וואס מיר האבען א לענגערע צייט געלעבט מיט דער אילוזיע, אז מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציע אין סוף פון אכצעהנטען יאהרהונדערט האט זיך אויך פאר אונז אנגעהויבען א פרישע עפאכע, ווען מיר וועלען אנהויבען לעבען מיט מענשען צוגלייך און איינמאל פאר אלעמאל וועט פערשוואונדען די געלע לאטע, מיט וועלכער מ'האט אונז געוואלט אין מיטעלאלטער דיסקוואליפיצירען אלס גלייכבערעכטיגטע מיטגלידער פון דער מענשליכער משפחה. מיר האבען אבער שוין אויך ערגערע ענטוישונגען מיטגעמאכט. מיר האבען שוין אמאל געהאט א אייגענע מלוכה, מיט וועלכער די דאמאלדיגע וועלט האט זיך גאנץ שטארק גערעכענט. פונדעסטוועגען, ווען מיר זענען פערטריבען געווארען פון אונזער לאנד און צושיט געווארען אויף אלע פיער וועלט-זייטען, האבען מיר דאך נישט פערצווייפעלט, נור קראמפהאפט זיך געהאלטען אין יודישען שטאם און רעליגיע און איבערגעלעבט אונזערע שונאים און בעדר קער, ווייל דאס יודישע פאלק וועט

קיינער נישט פערניכטען, מעג ער זיין אזוי מעכטיג, ווי די רוימישע אימפעריע און אזוי גרויזאם, ווי די שפאנישע אינקוויזיציע.

דערוויל הוליען זיי די בייזע ווינטען און פערניכטען איינציגווייז די ערגבערונגען פון דער אייראפעאישער קולטור און ציוויליזאציע, ווייל נישט די ענטוויקלונג פון דער טויטער טעכניק, וועלכע האט זיך איינגעשפאנט כמעט איינגאנצען אין רויטען וואגען פון בלוט-גייציגען מארס, בעדייטעט ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ציוויליזאציע. דאס בהדרגה'דיגע פערשוואונדען פון דער בעסטיע, וואס שטעקט אין מענש, דאס אויסאיידלען זיין הארץ און מח, דאס בעהערשען די מאטעריע דורכ'ן גייסט – אט דאס קאן מען אנרופען מיט דעם שעהן-קלינגענדען נאמען: קולטור און ציוויליזאציע.

עס בעווייזען זיך שוין אבער פון דער אנדערער זייט שטראהלען, וואס זאגען אן דאס אויפגעהן פון דער זון. עס בעווייזען זיך שוין וואס אמאל מעהר מענשען מיט הויך-ענטוויקעלטע אינטעלעקטען, ביי וועלכע דאס פער'שיכור'ענדע יובלען פון דער פויסטמאכט האט נאכנישט אטאראפירט זייערע מחות און וועלכע טרעטען ארויס מיט זייערע פלאם פייערדיגע „זש'אקוז"-אויסרופען, וועלכע זיי שליידערן דער פערדארבענער מענשהייט אין פנים אריין. זיי ווייזען אויף, אז די יודישע ראסע, וועלכע ווערט היינט דורך יעדען פוסט-און פאסטניק ערנידריגט און בעשפיגען, האט געגעבען דער מענשהייט די ערהאבענסטע אידעען, אז דער יודישער זשעני, וועלכער איז געפענטעט מיט יאהרען-לאנגע גלות-קייטען, האט דאך בעוויזען זיך ארויפצושלאגען אויפ'ן ערשטען ארט מיט זיין גייסטיגער פראדוקטיוויטעט. און זיי ווארנען, אז אויב עס זאל נישט אונטערגענומען ווערען א גרויסצוגיגע אקציע, כדי געגענצוווירקען דעם גיפט, וועלכער פליסט אהן אויפהער פון א פערדארבענעם אבר און אלמענשליכען ארגאניזם, דראהט דעם דאזיגען ארגאניזם דעגענעראציע און פערניכטונג.

מיט אונז זענען אויך די גרויסע פאלקס מאסען, וועלכע ראנגלען זיך טאג-טעגליך פאר זייער קיום, וועלכע ארבייטען שווער און ביטער, כדי ארויסצוברענגען פאר זייערע קראנקע פרויען און טובערקולאזע קינדער א שטיקעל טרוקען ברויט און א ביסעל קויהלען, כדי צו דערווארימען זייערע אבגעשוואכטע גופים. אט די דאזיגע מענשען, וועמענס גאנץ לעבען איז איין גרויסע קייט פון אונאויפהערליכע יסורים, פיהלען מיט אונז מיט און קעמפען מוטיג מיט אונזערע געמיינזאמע שונאים, כדי אויסצוקעמפען פאר אלע מענשען גלייכע רעכט און גלייכע פליכטען.

לאמיר אלזא האפען, אז נישט ווייט איז דער טאג, ווען מיר וועלען אומעטום צוריקגעשטעלט ווערען אין אונזערע רעכט צוגלייך מיט אלע מענשען און דערוויל לאמיר נישט פערצווייפלען, ווייל דאמאלס ווען פון אונזערע היינטיגע בעדריקער וועט קיין שריד ופליט נישט בלייבען, וועלען מיר יודען נאך לעבען און ווירקען, ווייל דאס יודישע פאלק איז געוועזען, איז און וועט אייביג בלייבען אונבעזיגבאר.

פון לעבען פון די פאלאשען

דער בעקאנטער זשורנאליסט ה. וויטאל דערצעהלט פון זיינער א אינטערעסאנטער בעגעגעניש מיט א יונגען פאלאש, בעת זיין רייזע אין יוגאסלאוויען. מיר גיבען דא איבער זיין רעפארטאזש מיט אייניגע פערקירצונגען.

אויף א רייזע מאכען זיך פערשידענע בעגעגענישען. בעת מיין אויפהאלטען אין בעלגראד, אין דער הויפטשטאדט פון יוגאסלאוויען, האט מיר א פריינד מיטגעטיילט אט וואס:

– דא אין שטאדט, געפינט זיך איצט א יונגער אביסינישער יוד, א פאלאש, וועלכער האט נאר וואס געענדיגט אין סאראיעווא (יוגאסלאוויען) דעם רבני'שען סעמינאר. דער פאלאש איז איצט אין בעלגראד אויף דער דורכרייזע. ער פאהרט די טעג אוועק קיין ראדאס, אויף דער איטאליענישער אינזעל אויף דעם מיטעללענדישען ים, וואו ער וועט ווייטער שטודירען אין דער דארטיגער ראבינער-שולע. ער וויל ווערען ראבינער און זיך ווידמענען דער אויפלעבונג פון די פאלאשען ביי זיך אין לאנד.

איך האב איהם דערזעהן אויף איינער פון די בעלגראדער הויפט-גאסען. איך האב איהם אבגעשטעלט, געשלאסען מיט איהם בעקאנטשאפט און איך פערפיהרט מיט איהם א קליינעם שמועס. איך האב אבער געוואלט מיט איהם לענגער רעדען, זיך נאכפרעגען וועגען זיינע ברידער די פאלאשען, ווי זיי לעבען אין אביסיניען און איך האב זיך מיט איהם אבגערעדט צו טרעפען אין א בעשטימטער שעה אין איינער פון די גרויסע קאפעע-הייזער פון דער שטאדט.

פונקטליך אין דער בעשטימטער שעה, איז ער געקומען. ער איז געווען אייראפעאיש געקליידעט, זאגאר מיט געשמאק.

דער דאזיגער פאלאש–שבתי בן שבתי הייסט ער–איז א געבוירענער אין דער שטאדט גאנדאר, וואס ליגט ביי דער אזיערע טאנא, ער קען אבער נישט זאגען גענוי ווי אלט ער איז. זייערע טאטעס און מאמעס אין אביסיניען האבען צופיעל קינדער, ביי זיי דארף מען אין קיין אמט נישט פערשרייבען, ווען א קינד ווערט געבוירען און אליין פערשרייבען קען מען אויך נישט. ווייס קיינער נישט ביי זיי ווי אלט מען איז.

זיין טאטע איז א וועבער און זיין מאמע ארבייט אויס ליימענע כלים. דאס זענען פאלאשישע מלאכות אין אביסיניען: וועבעריי און טעפעריי. דער טאטע איז א וועבער פאר זיך. נישטא דארט קיין גרויסע וועבערייען. ער האט א וועבער-שטוהל און ער וועבט דעם שטאף, אין וועלכען אלע טוען זיך ביי זיי אן. ווען ער איז געווען נאך גאר יונג, האט ער שוין מיטגעהאלפען סיי דעם טאטען און סיי דער מאמען אין זייערע מלאכות, זיי געהאלפען פערדינען אויף א שטיקעל ברויט. ער איז שוין געווען א דערוואקסענער בחור'ל, ווען זיין טאטע האט זיך דערוואוסט, אז אין אדיס-אבעבא עקזיסטירט א שולע פאר פאלאשישע קינדער, די שולע וועלכע איז נעגרינדעט געווארען דורך ד"ר פייטלאוויטש. זיין טאטע האט געוואלט, אז ער–זיין זוהן–זאל זיך לערנען אין דער דאזיגער שולע. האט ער גענומען און איהם אוועקגעפיהרט קיין אדיס אבעבא. דער וועג קיין אדיס אבעבא פון גאנדאר האט געדויערט דריי וואכען. דעם גאנצען וועג האבען זיי דורכגעמאכט צופוס.

אין ד"ר פייטלאוויטשעס שולע האט ער געלערנט נישט מעהר ווי איין און א האלב יאהר. דארט האט ער געלערנט לייענען העבראאיש און שרייבען אביסיניש, אדער ווי די שפראך הייסט: „אמאריניא". פון דארט איז נאך פערשידענע גלגולים שבתי בן שבתי מגולגל געווארען אין סאראיעווא, וואו ער האט געענדיגט דעם ראבינער-סעמינאר.

איך בעט שבתי בן שבתי ער זאל מיר דערצעהלען, ווי אזוי עס לעבען זיינע ברידער, די פאלאשען, אין אביסיניען און אין וואס בעשטעהט זייער ענליכקייט צו אונזערע יודען. מיין אינפארמאטאר פערטראכט זיך אויף א ווײלע און ער זעצט פאר:

– עס איז מיר שווער צו שילדערן דאס, וואס איהר פערלאנגט פון מיר. דאס לעבען ביי אונז אין אביסיניען איז גאר אנדערש ווי דא. ביי אונז זענען אלע ארעם. עס איז נישטא קיין ברעקעל ציוויליזאציע. אונזער קולטור איז אנ'ארימע און מען קען נישט מאכען קיין שום פערגלייך צווישען דעם לעבען פון די היגע יודען און די פאלאשען.

מען ווייס נישט גענוי די צאהל פאלאשען אין אביסיניען. מענכע שאצען אונז אויף 50 טויזענד, אנדערע אויף 60, אויך 80 טויזענד. די פאלאשען לעבען שטרענג אבגעזונדערט פון דער ארומיגער בעפעלקערונג. ביי אונז איז פערהאן א בעזונדער נאציאנאל געפיהל. מיר אסימילירען זיך נישט. מיר ווייסען, אז מיר זענען אנדערע, נישט ווי אלע אין אביסיניען. מיר האבען אונזערע חגים, אונזערע דינים, וואס אלע היטען שטרענג אב.

ביי אונז ווערען שטרענג אבגעהיטען די דינים פון טומאה און טהרה, די דינים פון ריינקייט און אומריינקייט.

פון קיין טלית און תפילין ווייס מען ביי אונז נישט. אויך ווייס מען ביי אונז נישט פון קיין ספר תורה נעשריבען אויף פארמעט. דער תהילים איז פערהאן ביי אונז איבערגעזעצט אין דער גיעזישער שפראך, א שפראך פאר

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מען דארף גומל-בענשען...

צוויי יונגעלייט, וועלכע האבען נישט קיין פעלד אויפ'ן דארף, זיי זענען נישט געווען קיין רעגירונגס-בעאמטע און נישט קיין בעאמטע אין א קאמונאלע אינסטיטוציע, זיי האבען אפילו נישט בעקומען קיין ארבייט אין קיין יודישער פאבריק, וועגען וואס זיי האבען זיך געסטארעט עפליכע יאהר פסדר, אזוי אז זיי האבען זיך געמוזט לאזען בריוה פערנעמען מיט מסחר.

היות ווי זיי האבען געוואוינט אין קאמיק, איז זייער מסחר בעשטאנען אין דעם, וואס זיי זענען געגאנגען אין דארף און איינגעקויפט א קעלבעל, האבען פעליכלעך און נאך אזא וואזשנע סחורה, שפעטער עס פערקויפט א סוחר אדער גאר א קעלביל אליין געשאכטען און דאס פלייש פערקויפט. וויפיעל זייער פערדינסט האט בעטראפען פון אזא „טראנזאקציע", איז זיך נישט שווער פארצושטעלען.

די דאזיגע יודישע „סוחרים" האבען זיך אבער נישט בעקלאגט זיי זענען געווען צופרידען פון זייער גורל; אז זיי האבען נאר געהאט א שטיקעל ברויט מיט קארטאפעל זענען זיי געווען גליקליך, און אפשר האבען זיי עפעס בעסערס נישט געפאדערט.

אזוי האבען די צוויי יונגעלייט געהאנדעלט און פערשווארצט געווארען און אזוי וואלט עס געדויערט זייער גאנצען לעבען. האט אבער דער גורל אנדערש געוואלט, ווי איך וועל עס באלד דערצעהלען.

דאס איז געווען יענע וואך דינסטאג. ארום 6 אווענד האבען זיך מיט'ן שאסע צוריקגעקעהרט פון מיעדזשנא קיין קאמיק די צוויי קאמיקער איינוואוינער הירשל ערליך און קלמן פרידמאן און מיטגעפיהרט אנ'איינגעקויפט קעלביל, וועלכעס פרידמאן האט געטראגען אויפ'ן אקסעל.

געפונענדיג זיך אויף די לאבאדנער פעלדער, איז צו זיי צוגעקומען א בע. קאנטער פויער און געזאגט:–ווארט צו, מיין פוהר קומט באלד אן, וועט איהר דאס קעלבעל ארויפלייגען און אליין אויך מיטפאהרען.

ווען די יודען האבען זיך אבער געלאזט ווייטער אין וועג אריין, האט דאן דער פויער ארויסגעכאפט א האק און מיט איהר דערלאנגט פרידמאנען איבער'ן קאפ. פרידמאן האט אוועקגעווארפען דאס קאלב און ביידע יודען האבען גענומען אנטלויפען. ערליך איז געלאפען אויפ'ן פעלד ארויף און פרידמאן גלייך מיט'ן שאסע. דער אנפאלער האט דאן נאכגעיאגט ערליכ'ן און מיט דער האק איהם דער'הרג'עט אויפ'ן ארט.

לעולם, וואלט דער זעלבער סוף געטראפען אויך פרידמאנ'ען, נאר היות ווי פרידמאן איז געווען שטארקער און קאן גוט לויפען, איז ער נאר אבגעקומען מיט'ן האק איבער'ן קאפ, דאגעגען ערליך איז געווען שוואכער, איז ער געפאלען טויט.

דער מערדער האט גוט געקענט זיינע קרבנות, ער האט זיי זאגאר אנגערופען ביים נאמען, און ווען ער האט געזעהן, אז איהם וועט נישט געלונגען ביידע פולשטענדיג צו דער'הרג'ענען, ווייל פרידמאן איז איהם אנטלאפען, האט ער דעם לעצטען נאכגעשריגען: „קלמן ענטלויף נישט, כ'וועל דיר גאר נישט טהון". קלמן אבער כאטש דער קאפ איז ביי איהם געווען צוהאקט און דאס בלוט האט פון איהם זיך געגאסען, האט נאך געהאט אזוי פיעל שכל און זיין צושפאלטענעם קאפ, זיך נישט צו לאזען פערנארען פון מערדער און מיט די לעצטע כחות איז ער געלאפען מעלדען וועגען דעם שוידערליכען פאל דער פאליציי.

ווייטער איז שוין געגאנגען אלץ ווי געהעריג. דעם טויטען האט מען בעגראבען, דעם פערוואונדעטען אבגעפיהרט אין שפיטאל אריין און דעם מערדער ארעסטירט, דערביי איז אבער כדאי זיך צו פערטראכטען איבער'ן ביטערען גורל נישט נאר פון די צוויי קרבנות, וועלכע זענען אזוי אומשולדיג דער'הרג'עט געווארען און איינעם פון זיי איז אוועקגענומען געווארען פאר דער צייט זיין יונג לעבען, נאר עס איז אויך א שטיקעל רחמנות אויפ'ן מערדער. יא, אזוי איז עס, ווייל די גאנצע שולד קאן מען פארט נישט ארויפלייגען אויפ'ן מערדער; אמת, ער האט דא אין זינען געהאט די צוויי יודען צו בערויבען און ביים קדוש זענען געווען די טאשען טאקי איבערגעקעהרט און דאס בייטעלע מיט די פאר גראשען זענען געפינען געווארען אויפ'ן פעלד, נאר דאס בערויבען האט דא נישט געשפיעלט די הויפט-ראלע, ווייל דער פויער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז קיין גרויסען פערמעגען וועט ער ביי זיי נישט געפונען. אויב ער האט אבער זיך פארט דעציידירט אויף דער רציחה, איז עס מעהר דערפאר, ווייל דער ארימער פויער האט זיך אזוי פיעל אנגעהערט וועגען דעם, אז יודען זענען א פלאג פאר פוילען, אז מיט יודען מעג מען טהון, וואס מען וויל, ווארום אט האט מען אויסגעהאקט אלע שויבען ביי די יודען אין קאמיק, צושלאגען יודען מכת רצח, מען האט זאגאר די יודישע בוזשניצע צוטרייבערט און פונדעסטוועגען–און א פויער איז ער דאך, קיין גרויס וויסען האט ער דאך נישט, נו, מילא, קאן ער נישט אזוי פיעל אונטערשיידען פון האקען שויבען ביז דער'הרג'ענען מיט א האק. דאס בעווייזט אבער נאר, אז די יעניגע, וועלכע פרעדיגען יודען-האס, זענען שולדיג אין די דאזיגע רציחות פון אונשולדיג פערגאסען בלוט.

יא, א שוידערליך געשעהעניש האט פאסירט. דערביי טאר מען אבער נישט אבלייקענען, אז ביי יעדען אומגליק איז אויך פערהאנען א שטיקעל גליק. אמת, אז איין יוד איז דער'הרג'עט געווארען און דער צווייטער איז האלב-דער'הרג'עט-דאס „גליק" איז אבער, וואס דער רוצח איז נישט געווען קיין יוד, נאר די הרוגים זענען יודען. ווען חס ושלום עס זאל נישט טרעפען, עס איז פערקעהרט, ווען ס'פאלט אזוי איין א יודען צו זיין א רוצח, וואלטען דאן טויזענדער יודען נישט זיכער געווען מיט'ן לעבען, עס וואלט דאן געווען דער אמת'ער „אדרוך", מיט פראצעסען, מיט צרות אד"גל, אזוי אבער, אז עס זענען דער'הרג'עט געווארען יודען, איז שא, שטיל, אפילו די צייטונגען האבען זיך בענוגענט מיט א קליינער נאטיץ און פטור.

גלויבט מיר, אז צו די אלע צרות, דארף מען נאך גומל-בענשען...

גם זו לטובה...

און נאך אזא ענליכע געשיכטע וועל איך אייך דערצעהלען.

געוועגליך איז נישט מעגליך צו

תפלות פאר די אביסיניער און סיי פאר די פאלאשען, און דעם תהלים זאגט מען ביי אונז אויסענווייניג.

די גיעזישע שפראך איז אויך די שפראך פון דער קירכע. ס'איז א סעמיטישע שפראך און מען שרייבט אויף איהר פון רעכטס אויף לינקס, ווי אין אלע סעמיטישע שפראכען.

— קיין בעשטימטע תפילות זענען ביי אונז נישטא. אינדערפריה קומט מען זיך צוזאמען אין „מיסגאד" אדער ווי ס'הייסט אויך „יעצעל אט באייט", אין שוהל הייסט עס און דארטען שטעלט מען זיך זאגען תהילים. אלע זאגען צוזאמען אין כאר און מען זינגט אונטער. פון אזעלכע תפילות ווי מנחה און מעריב ווייסען נישט די פאלאשען, קיין חזן וואס זאל אנפיהרען מיט'ן כאר איז אויך נישטא. אבער א רב האבען מיר יא און ער הייסט ביי אונז „אבא" — פאטער, ער איז דער גייסטיגער פיהרער פון זיין געמיינדע. ער לערנט אונז וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט, ער גיט עצות אין פריוואטע אנגעלעגענהייטען און אז עס טרעפט זיך א חולה, קומט מען אויך צו איהם.

— שבת היט מען אב, ווי עס שטעהט אין דער תורה: „לא תבערו אש בכל מושבותיכם". דער טאג איז הייליג, אין דעם טאג טהוט מען קיין ארבייט נישט. מען גרייט זיך נישט צו אפילו קיין עסען. די פאלאשען היטען אב שבת זעהר שטרענג, אזוי ווי די קאראימער.

— פסח האלט מען ביי אונז 7 טעג. קיין זויער ברויט עסט מען נישט די גאנצע 7 טעג. יעדען טאג קאכט מען אזוי פיעל, וויפיעל מען ברויכט פאר דעם טאג, וואס עס בלייבט איבער פון דעם טאג ווארפט מען ארויס. און יעדען טאג באקט מען אזעלכע קוכען, וועלכע זענען ענליך צו מצות. פון קיין הגדה ווייס מען ביי אונז נישט.

— דער גרעסטער יום-טוב פון אלע יום-טובים איז יום כפור און יום-כפור האלט ביי אונז אן גאנצע 3 טעג. דריי טעג פאסט מען. צו יום-כפור מאכט מען גרויסע הכנות. און צוויי מאל פייערט מען ביי אונז יום כפור.

וועגען די חתונה-מנהגים האט מיר שבתי בן שבתי דערצעהלט פאלגענדעס:

— דער חתן מיט דער כלה זעהען זיך נישט ביז דער חתונה. דער חתן קויפט זיך א כלה און ווען דער „מסחר" איז געענדיגט, דאן מאכט מען א גרויסען מאלצייט — און דאס איז די חתונה. די פאלאשישע עלטערן פערקנסן זעהר אפט זייערע קליינע קינדער.

דאס דינגעניש וועגען פרייז פון דער כלה קומט פאר אזוי:

דעם חתנ'ס עלטערן קומען צו דער כלה. איידער זיי הויבען אן צו רעדען וועגען ענין דערלאנגט מען זיי עסען צום טיש. אבער די מחותנים ריהרען זיך נישט צו צום עסען, ווי עס שטעהט אין דער תורה ביי אליעזרן, ווען ער איז געקומען נעמען רבקה'ן פאר יצחק'ן פאר א ווייב: „און מען האט פאר איהם אוועקגעלייגט צום עסען און ער (אליעזר) האט געזאגט, איך וועל נישט עסען ביז איך וועל נישט זאגען מיינע רייד". ווען דער מסחר איז געענדיגט, דאן זעצט מען זיך צום טיש עסען. געוועהנליך איז דער חתן אלט 15—17 יאהר צו דער חתונה און די כלה איז אלט 11—13 יאהר.

— די פאלאשען לעבען זעהר פרימיטיוו אין זעהר ארים. ביי די „רייכע" זענען די הייזער פון האלץ און ביי די ארימע — פון גראז. קיין מעבעל איז נישטא, אלץ ווערט געטהון אויף דער ערד. אויף דער ערד ווערט געקאכט און אויף דער ערד ווערט געארבייט.

אמאל האבען זיך די פאלאשען בעשעפטיגט אויך מיט ערד-ארבייט, איצט האבען זיי דאס פערלאזען. ערד-ארבייט לוינט זיך נישט. באדען קען מען נעמען אומזיסט וויפיעל מען וויל. דאס רוב פאלאשען בעשעפטיגען זיך מיט מלאכות.

איך זיץ מיט שבתי בן צבי און מיר שמועסען נאך. אין דרויסען ווערט פינסטער. פלוצלינג רייסט ער זיך אויף פון פלאץ און געזעגענט זיך מיט מיר. איך פרעג איהם, וואס ער איילט זיך אזוי, ער ענטפערט

— מערב-צייט...

ווי איך בין שפעטער געוואויר געווארען, ווייזט ארויס די איטאליענישע רעגירונג א גרויסען אינטערעס צו דעם פאלאשישען סטודענט, מען האט איהם שוין געגעבען די איטאליענישע בירגערשאפט און מען זאל איהם אויך אויסהאלטען בעת זיין שטודירען אין ראדאם.

דער הימעל האט זיך נאך נישט אראבגעלאזט

דער פלוצלונגער אויסברוך פון אנטיסעמיטיזם אין רומעניען האט געהאט אויף אונז די פעולה פון א באמבע-אויפרייס: מיר זענען דעזאריענטירט, צוטומעלט און שטעהען אבהענטיגע, אומבעהאלפענע נישט וויסענדיג, פון וואנען אנצוהויבען אונזערע טראכטענישען.

אזא צושטאנד טאר אבער לאנג נישט דויערען; מיר מוזען אנהויבען קלערען וועגען ראטעווען זיך, זוכען די ראציאנעלסטע פארמען און מיטלען דערפון.

דארפען מיר קודם כל פעסטשטעלען, אז דער הימעל האט זיך נאך אויף אונזערע קעפ נישט אראבגעלאזט; אויב אפילו רומעניען זאל צוגערעכענט ווערען צו די פאר לענדער, וואו ס'איז אפען פאר יודען דער גהנום מיט אלע זיינע יסורים, זענען דאך פערהאן אין דער וועלט א סך לענדער, וואו יודען זענען פולבערעכטיגט און געניסען פון וואוילשטאנד צוגלייך מיט אלע בירגער. דאס זענען גראד די ציוויליזירטסטע און העכסט-ענטוויקעלטע לענדער, ווי אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך און א סך אנדערע קלענערע מדינות.

מ'קען מיט אנ'אומבעוואפענטען אויג זעהען, אז דער קריטעריום פאר קולטור און ציוויליזאציע אין א לאנד איז די בעציהונג צו יודען.

א הוץ דייטשלאנד, וואס איז אין אלע פרטים אנ'אויסנאהם, אנ'אוניקום, קען מען אין אלע אנדערע לענדער זעהען, אז קולטורעלע לענדער בעהאנדלען יודען ווי גלייכע בירגער און אומקולטורעלע ווילען יודען דערשטיקען.

דער דאזיגער אומשטאנד פרעגט אב די טעאריע, ביי וועלכער ס'האלטען זיך אויך צום בעדויערען, א טייל יודישע אידעאלאגען, אז כל זמן א פאלק איז נישט ענטוויקעלט און מוז אנקומען צו יודען, האלט ער זיך מיט אונז, ווי נאר אבער ער לערנט זיך אויס די ווירטשאפטליכע חכמות און דארף שוין נישט האבען דעם יודישען לעהרער וויל ער פון איהם פטור ווערען.

דאס איז א ליגען: וואס העכער די ציוויליזאציע איז אין לאנד, אלץ נייע פארמען ווירטשאפטליכער עקספאנסיע, פון בעקעמפען און בעהערשען די נאטור, ווערען געשאפען, און גראד אין די דאזיגע פיאנערישע ארבייטען זענען יודען צום שטארקסטען בעטייליגט. צי ס'איז דער רעזולטאט פונ'ם יודישען קאמבינאטארישען ערפינדערישען שכל, צי מחמת יודען זענען נישט בעשעפטיגט אין סטאבילע פערווארצלטע פ'נסות און מוזען זיך כסדר ווארפען און זוכען אלץ נייעס—דער פאקט אבער איז, אז יודען האבען א גרויסען אנטייל אין ערפינדען און ענטוויקלען די פילם אינדוסטריע, דעם ראדיא, די נייע ווירטשאפטליכע פארמען, די מאדערנע פינאנץ-פאליטיק. אויך דער פראדוקטען בייט צווישען מענשען און פעלקער האט אין די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר אנגענומען א גאנץ אנדער כאראקטער, ווי ס'איז געווען אין די פריהערדיגע יאהר-הונדערטער, האט דער יודישער געניוס נישט קיין קליינעם חלק דערין און דאס דווקא אין יענע הויך געבילדעטע לענדער וואו ער האט די פולע פרייהייט פון בעוועגונג.

אלעבאלט איז די גרויסע מעהרהייט פון יודישען פאלק נאך געצונגט מאטעריעל און גייסטיג און האט די מעגליכקייט צו העלפען די געטראפענע ברידער. ווייטער זעהען מיר פון מוסטער פון דייטשלאנד און פון אנדערע לענדער, אז דער אויסראטונג-פראצעס איז נישט אזא גרינגער, ווי ס'שטעלען זיך פאר די המנס און אויך אנדערע מרדכים. מ'פערביטערט יודען דאס לעבען, מ'נעהמט צו די פרנסות, מ'פערשמופט זיי אין דעם ענגען פינסטערען געסעל צו שטיקען זיך אין ענגשאפט, אבער יודען לעבען און פערלירען נאך נישט זייער האפנונג, ווי אלע לעבעדיגע בעשעפענישען אויף דער וועלט, מ'פערוואונדעט אונזער נשמה, מ'בעליידיגט און דערנידריגט אונז, ווי מיר וואלטען געווען שרצים-פאראזיטען, אדער ווילדע יאטקע-הינט, וואס לויפען ארום און מ'טרייבט זיי מיט שטעקענס, נישט אריינלאזענדיג זיי אין ערגיץ. אבער אונזער גייסט איז נישט געבראכען; מיט אונזער גאט אין הארצען, מיט אונזערע נאציאנאלע און סאציאלע אידעאלען אין בעוואוסטזיין געהען מיר דרייסט אנטקעגען דעם עתיד, דעם ווייטערען עתיד פון דער וועלט און גלויבען, אז דאס לעבען וועט סוף כל סוף געהערען צום בעסערען מענשען, נישט צום רשע, וואס האט זיך אריינגעכאפט אין זאטעל און האלט די לייטשעס.

די ערשטע גרוסען פון רומעניען דערצעהלען, אז די דארטיגע יודען זיצען אויפ'ן ארט און קלויבען זיך נישט אנטלויפען. אייגע פון די סיבות איז, ווייל ארץ ישראל איז נישט אויפנאהם פעהיג, אזוי דערקלערט אונז אויפריכטיג דער ציוניסטישער פובליציסט א. אייגהארן. וואלט א"י געקענט צונעמען א גרעסערע עליה, וואלט מען שוין געשאפען ביי די רומענישע יודען אנ'עמיגראציע-שטימונג און יודען וואלטען זיך א ריהר געטהון. א קליינעם טייל קאפיטאליסטען און חלוצים וואלטען אבסארבירט א"י און די איבעריגע וואלטען ארומגעלאפען ווי פערסמטע מייז און וואלטען זיך קיין ארט נישט געפונען. א צווייטע סיבה איז, וואס די גרעניצען זענען געשלאסען.

מ'האט אמאל געזאגט, אז ס'איז פאר יודען א גליק, וואס זיי זענען פערשפרייט אין דער וועלט. איצט קען מען זאגען, אז ס'איז אפשר א גליק, וואס די גרעניצען זענען פערמאכט, כדי זיי זאלען אין א מאמענט פון פאניק נישט אויסווארצלען זיך און נאכדעם בלייבען הענגען אין דער לופטען.

און אז מ'זיצט אויף אנ'ארט, מוז מען העלפען איבערווארמען די שלעכטע רגע. מיר האבען שוין געהאט דערפאהרונג, ווי מ'קען מיט קליינע מיטלען, ממש מיט גראשענס, דערהאלטען דעם קיום פון טויזענדער שטעדטעלשע יודען ביז דער האריזאנט לייטערט זיך אויס און מ'דארף נישט אנקומען צו הילף.

און מיר האבען אויך געזעהען ווי נישטיג ס'איז געווען אונזער אייגענע ברידערליכע הילף צו די גליטענע. דאס פוילישע יודענטום האט א גאנץ היבשע צאהל פערמעגליכע ברידער און זיי האלטען זיך פריי פון דער געגענזייטיגער הילף.

דאס וועלט-יודענטום איז דורך אונז אליין אנערקענט געווארען פאר א נאציע בלויז דע יורי, אבער דע פאקטא עקזיסטירט ער נישט נאציאנאל.

די ציוניסטען האבען געשאפען בלויז דעם פרינציפ פון אוניווערסאלער יודישער בעשטייערונג פאר איין ציעל, אבער פאר אייגענע נויטען פון די יודען אין פערשידענע לענדער פון דער וועלט, וואו זיי ווערען אנגעגריפען און געשלאגען, קען די בעשטייערונג און בעטייליגונג זיין פיעלפאכיג גרעסער.

זאלען נאר אויסגענוצט ווערען אלע יודישע מעגליכקייטען אין דער גאנצער וועלט לטובת די גליטענע ברידער דא און דארט, וועלען מיר קענען אויסהאלטען די שווערסטע אטאקעס.

כדי צו דערגרונטעווען זיך אין דעם דאזיגען ריזיגען פראבלעם, מוז אונזער געזעלשאפטליכע ענערגיע אין דער גאנצער וועלט מאביליזירט ווערען און ווענדען איהר גרעסטען אויפמערקזאמקייט דעם ענין, זיין טעארעטישער דעפינירונג און פראקטישער אויספיהרונג.

פ. ק.

רעגיסטרירען די אלע יודען, וועלכע ווערען טאג-טעגליך בעפאלען, צושלאגען, צושטאכען פון כוליגאנעס. אונזערע יודען, אויב זיי בעקומען א קלאפ מיט אנ'אייזען אדער אפילו מיט א מעסער, אז עס דראהט נאר נישט קיין לעבענס געפאהר, נעמט מען עס צו פאר גיט געלד און מען מאכט א שווייג. שא, שטיל, אזוי ווי עס וואלט גארנישט געשעהען.

פון דעם פארפאל אבער, וואס איך וויל אייך דערצעהלען. האב איך זיך דערוואוסט צופעליג, און אלס א כאראקטעריסטיק פון אונזער איצטיגער צייט, וויל איך עס פערעפענטליכען.

מיטוואך אין אוונד איז דאס געווען, זענען 2 יונגע יודען געגאנגען אויף דער מיראווסקא גאס, נעבען דער שטאדט-שוהל, זיי אקעגען זענען אנגעקומען 4 „דזשענטעלמענער" און אידער וואס-ווען, זענען די 2 יודען שוין געלעגען אויף דער דרערד צושלאגענע מיט אייזענס. עטליכע יודען, וועלכע זענען נאך פריהער צושלאגען געווארען, האבען געשריגען פאליציי, אזוי אז די 4 „דזשענטעלמענער" האבען זיך נישט לאנג געקאנט מתעסק זיין מיט די 2 פריש צושלאגענע יודען. די צושלאגענע האבען זיך אויפגעהויבען אנטאפענדיג, אז זייערע איברים זענען נאר געשוואלען פון די אייזערנע קלעפ, האבען זיי באלד אויפ'ן ארט געדאנקט גאט, וואס מען האט צו זיי נישט בענוצט קיין מעסערס. וואס ס'וואלט געווען ערגער...

די צושלאגענע יודען וואלטען זיך אפשר נאך מעהר געפרעהט פאר דעם „חסד" וואס זיי איז געשעהן, נאר זייער שמחה האט געשטערט די אנגעקומענע פאליציי, וועלכע האט זיך פערנומען מיט'ן אויפשרייבען די נעמען פון די בעפאלענע, מיט זייערע עלטערנ'ס נעמען און די גענויע אדרעסען.

צומארגענס, ווען איך בין צופעליג געוואויר געווארען וועגען דעם איבערפאל, בין איך אוועק צו איינעם פון די בעפאלענע, איז יענער מיר אנטקעגען געלאפען מיט א שמחה, זעהסט, ברודערקע—זאגט ער צו מיר—עס איז מיר א גליק געשעהן, ביי מיר איז נאר אויפ'ן קאפ א בייל און די האנד איז געשוואלען; יא, אויך דעם קאפעלוש האבען זיי מיר צוגעכאפט, אבער דאנקען גאט דערפאר, ס'האט דאך געקאנט זיין נאך ערגער, איז דעריבער גם זו לטובה...

זיי ווייסען נישט, וואס עס איז דער יוו"א

העכער 10 יאהר, זייט דער יוו"א פיהרט זיין טעטיגקייט. נישט פערהאנען קיין איין ווינקעלע אויף דער וועלט, וואו דער יוו"א זאל נישט האבען קיין קרייז פון פריינד, וועלכע העלפען מיט, סיי מיט מאטעריאלען און סיי מאטעריעל די אויפגאבען פון יוו"א און פונדעסטוועגען זענען נאך פערהאנען יודען, וועלכע געהען אן פאר אינטעליגענטען, פאר כלל-טהוער און ווייסען נישט, וואס עס איז אזוינס דער יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אקציע, וואס פראפ. ברודע פיהרט די וואך אדורך אין טשענסטאכאוו פאר'ן יוו"א, האב איך געכאפט א שמועס מיט עטליכע היגע יודען פון דער אזוי-גערופענער אינטעליגענץ, וועלכע זענען עוסק אין כלל-טהוערי האט איינער מיך אנגעקוקט מיט תמימות'דיגע אויגען און ער האט באמת נישט געוואוסט וואס איך רעד כו איהם. ער האט זיך נישט געשעמט און געפרעגט (דאס איז שוין א גרויסע מעלה) דעם פושעטשעל זיינעם—אויך אנ'אלטער כלל-טהוער און א געזעלשאפטליכער מענש—וואס דאס איז אזוינס דער יוו"א, אויף וואס יענער האט געענטפערט, אז דאס איז א יודאאיסטישער אינסטיטוט...

כ'דערצעהל דאס נישט, כדי חס ושלום עמיצען צו קאמפראמיטירען, ווייל גראד זענען די אויבענדערמאנטע העררען זעהר אנגעזעהענע און ווערטפולע געזעלשאפטליכע טוער—דאס בעווייזט אבער ווי ווייט מיר האלטען מיט אונזערע אנשטרענגונגען פאר די יודישע קולטור-אוצרות, אז אין א שטאדט, ווי טשענסטאכאוו, זאלען זיך געפינען נאך יודישע אינטעליגענטען, וואס האבען נישט קיין אהנונג וועגען די גרויסע לייסטונג פאר'ן יודישען פאלק, וואס עס פיהרט דער יוו"א.

חייטים, פערנאכלעסיגט נישט!

ווי זאגט מען עפעס א ווערטיל: „די תורה איז דאך טיעף, נאר שניידעריי איז נאך טיעפער", איז וויפיעל מען זאל נישט לערנען שניידעריי, אפילו ביז אין טויט אריין קאן מען אלץ די דאזיגע מלאכה נישט דערגרונטעווען...

אין טשענסטאכאוו וויילט דער בעוואוסטער רוטינירטער אינסטרוקטאר ה' גאלדשטיין, וועלכער גיט פאר א גרופע שילער לעקציעס וועגען צושניידער-קונסט, אויף די ספעציעלע קורסען פון „ארט". גלייכצייטיג ארדענט דער ה' גאלדשטיין אויך איין א קורס פאר דיפלאמירטע שניידער, וועלכע ארבייטען שוין זעלבסטשטענדיג און בעקענט זיי מיט די נייעסטע מעטאדען פון דער שניידער-קונסט.

אז ה' גאלדשטיין איז כמעט דער איינציגער ביי יודען אויף דעם געביעט, בעווייזט דעם גרויסען ערפאלג, וואס ה' ג. האט געהאט אין בארא-נאוויטש, וואו ער איז אויך געווען אלס אינסטרוקטאר פון „ארט" און האט דארט גלייכצייטיג געפיהרט פראקטישע קורסען פאר די ארטיגע שניידער-מייסטער, וועלכע זענען געווען בעגייסטערט פון דער לעהרע און איהם צום אוועקגעפאהרען איינגעארדענט א באנקעט און מיטגעגעבען דאנק-בריף, אויסער דאנקזאגונגען אין דער דארטיגער פרעסע.

טשענסטאכאווער חייטים. אמת, איהר זענט גרויסע בריות אין אייער פאך — דאס וועט קיינער נישט לייקענען, עס וואלט אבער נישט געשאדט, אז איהר זאלט זיך פערשטענדיגען מיט דעם איינציגען ספעציאליסט, וועלכער האט אויסער א בעזונדערען לעהר-סיסטעם, איז ער דער זעלטענער פעדאגאג.

אין שלעכטע הענד...

איהר וועט די וועלט נישט איבערמאכען, אזוי איז עס און א סוף, עס איז א שאד די רייד. דער וואס האט א סך געלד, דער האט א פערשטיינערט הארץ און דער, וואס האט א גוט הארץ, דער איז א קבצן אין זיבען פאלעס.

ס'זענען טאקי פערהאנען אויך אויסנאהמען, אבער זעהר זעלטען.

דערצעהלען וועגען די אלע פאקטען, וואלט מען געדארפט אנשרייבען גאנצע ביכער און ס'וואלט נאך אלץ נישט געווען אויסגעשעפט די דאזיגע טעמא. פערדריסען אבער פערדריסט עס און טיילמאל קאן מען זיך אליין נישט בעהערשען און מען מוז עס דערצעהלען.

אויך דאס מאל ווילט זיך מאכען אנ'אויסנאהם און דערצעהלען וועגען אזא חזירישען גביר, וועלכער איז טויב צו די ליידען פון די גרויסע מאסען ארימע הונגעריגע יודען.

פערהאנען דא ביי אונז א יוד, אנ'אנגעשטאפטער גביר (דעם נאמען וועל איך נישט ארויסשרייבען, ווייל דער בעטרעפענדער וועט שוין וויסען וועמען איך מיין, און דאס טאקי בין איך אויסען), ער איז ערשט נישט לאנג געווען א געוועהנליכער בעל-מלאכה, האט איהם די הצלחה צוגעשפילט און ער איז געווארען א גרויסער סוחר, מיט נאך א גרעסער פערמעגען; ער האט זיין געשעפט נאהנט פון נייעם מארק. דער זעלבער סוחר האט יענע וואך חתונה געמאכט דאס ערשטע קינד, האט „תומכי עניים" דעלעגירט צוויי בעלי בתים צום מחותן, נעמען פון איהם א נדבה פאר דער דאזיגער אינסטיטוציע, כדי מען זאל קאנען אנזעטיגען עטליכע ארימע יודישע פאמיליעס מיט א שטיקעל ברויט. און היות ווי מען ווייסט, אז דער דאזיגער גביר איז א יוד לא עליכם מיט א „בלעכען"-הארץ, האט מען דעלעגירט צו איהם אזעלכע יודען, וועלכע זענען מיט איהם אין האנדעלס-בעציהונגען, טראכטענדיג, אז דאס וועט אפשר ווירקען ער זאל געבען א מנה יפה. ווי ס'ווייזט אבער אויס, האט עס טאקי געהאלפען, ווייל דער מחותן האט זיך נישט געקאנט ארויסדרעהען און נאכדעם ווי די דעלעגאציע האט איהם אנגעוויזען דעם הארציגען מזל-טוב און דערצעהלט וועגען וואס זיי זענען געקומען, האט ער מנדר געווען א גאנצען פוילישען גילדען.

די דעלעגאציע האט דעם גילדען נישט צוגענומען, נאר כדי די ארימע לייט זאלען דערפון נישט ליידען, (ווייל פאר א גילדען קען מען פארט קויפען א דריי קילא ברויט), האבען די דעלעגאטען אריינגעצאהלט אין „תומכי עניים" א גילדען פון זייער אייגענער קעשענע.

לויתן

לאָזט נישט די יודישע קינדער אויסגעהן פון הונגער!

יודען, בירגער!

עס איז אַלגעמיין בעקאַנט, דאס די נויט פון די יודישע שול-קינדער איז אין דער איצטיגער צייט אונבעגרייפליך גרויס.

צאהלרייך זענען די פאַלען פון אָנמאַכט, חלשות און קראַנק ווערען אין רעזולטאַט פון הונגער און נישט דערעסען צו דער זאַט פון א גרויסער צאהל יודישע קינדער.

אַלעמען איז גוט בעקאַנט די טרויעריגע לאַגע פון די יודישע פאָלקס-שולען, וואס ראַנגלען זיך מיט אונצאָהליגע שוועריגקייטען פאר זייער עקזיסטענץ. נאכמעהר ווערט שווער און ממש טראַגיש זייער לאַגע, ווען די למודים אין די שולען דאַרפען פארקומען מיט פערשמאַכטע, הונגעריגע און נויט-לייידענדע קינדער.

אין די צעהנדליגער און הונדערטער קומען אָן צום „טאָז" און צו די יודישע שול-אָרגאַניזאַציעס בריעף און ווענדונגען מיט וועה-געשרייען וועגען דרינגענדער הילף פאר די הונגער-לייידענדע יודישע קינדער אין די שולען.

הונגער, שוואכע ערנעהרונג ברענגען קראַנקהייטען, וואס ווייסען נישט קיין גרענעצען, שטעלען זיך נישט אָב פאר אָרימע און פאר רייכע און בעפאַלען אַלעמען.

עס איז דעריבער דער חוב פון יעדען איינעם – סיי רייכען און סיי אָרימען – דרינגענד צו העלפען די הונגעריגע יודישע שול-קינדער.

יודען, בירגער!

שטעהט נישט אין א זייט! נעהמט אנטייל אין דער הילפס-אַקציע פאר די יודישע שול-קינדער! פאָדערט שטיצע פאַ" דער בעשפייזונג-אַרבייט פון די ווינטער-הילף-קאָמיטעטען, שטאָדט-ראַטען און קהלות!

שטעלט זיך אַלע אין די רייהען פון דער זאַמעל אַקציע און קומט צו הילף דער בעשפייזונג-אַקציע פאר די יודישע שול-קינדער!

הויפט פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט צו פערהיטען דאס געזונד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען „טאָז"

די צענטראַל-קאָמיטעטען פון די יודישע שול-אָרגאַניזאַציעס אין פוילען:

אָרטאָדאָקסישע טעכטער-שולען „בית יעקב"

הסתדרות של מוסדות החנוך הדתיים „חורב"

הסתדרות עברית לחנוך ולתרבות בפולני „תרבות"

צענטראַלע יודישע שול-אָרגאַניזאַציע („צ. יי. ש. א.")

צענטראַלע שול-אָרג. „יבנה"

„שול-קולט" – יודישער שול-און קולטור-פערבאַנד אין פוילען.

שפענדונגען ווערען אנגענומען: אין דער קאַנצעלאַריע פון „טאָז", ב. יאָסעלעוויטש נאָס 3, אין די רעדאַקציעס פון די יודישע צייטונגען ווי אויך אין די יודישע באַנק-אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָדט.

די נעמען פון די מנדבים וועלען פערעפענטליכט ווערען אין די היגע יודישע צייטונגען.

די וואַלצען-פאַבריק אין קאָניעצפאָל האט דעקלאַרירט לטובת דער אקציע צו 50 זל. א חודש אויף דער צייט פון 6 חדשים.

די בעשפייזונג-אַקציע פון טשענסטאָכאָוו און ראַיאָן נעמט ארום 1333 קינדער (קלאָבוצק, קושעפיץ, קאָניעצפאָל, קוזשניטשקע, קוזשניצע, קאָמיק, קאטשין, פשירוב, פאַנקי, פשיסטאן, טרוסקאָלאַס, אָמסטוב, יאַנאָוו, אָלשטין א.א.)

דער חודש'ליכער בודזשעט פון דער בעשפייזונג-אַקציע טרעפט אן 4200 זל.

ווינטער-קאָלאָניע אין אָטוואָצק

די צענטראַלע פון „טאָז" האט געשטעלט צו דער דיספאָזיציע פון דער טשענסטאכאווער אבטיילונג פון „טאָז" איין סעזאָן אויף דער ווינטער קאלאניע פון „טאָז" אין אָטוואָצק.

אויף דער קאלאניע ווערען געשיקט קינדער שוואַכע, אַנעמישע און בעדראָהטע מיט טובערקולאָז.

מאגטאג זענען אבגעפאהרען קיין אָטוואָצק 66 קינדער פון טשענסטאכאוו, פיאטרקאוו, סאָסנאוויץ, בענדין, זאַוויערטשע, קלאבוצק, קושעפיץ, יאנאוו, קוזשנימשקע, אָמסטוב, פשירוב, אָלשטין, קאניעצפאל, טרוסקאָלאַס, קוזשניצע, פושיסטאָין.

די בעקליידונגס-אַקציע

די קינדער פון דער פאָוושעכנער שול נר. 12 האבען צוגעשיקט צוויי פעקלעך וועש, געזאַמעלט צווישען די קינדער פון דער שול.

אויפ'ן שוועל פון צווייטען מיליאַרד

„באָרג מיר, וועסט האבען ביי מיר ווי אין פ. ק. אָ." – איז געווארען א פאָפולער ווערטיל, כמעט א שפריך-וואָרט.

די אזוי ברייטע פאָפולאַריטעט פון פ. ק. אָ. איז א רעזולטאט פון א לאַנג-דויערענדער, סיסטעמאַטישער ווירטשאפטליכער אקציע, בעזונדערס פון דער איינפלאַנצונג פון דער איינשפאָרונגס-אידעע. מיט די רעזולטאטען פון דער דאָזיגער אַקציע האט בעקענט די פרעסע דער פרעזעס פון פ. ק. אָ. דר. העגריק גרובער, פון וועמענס רעדע עס איז צו זעהען, אז פ. ק. אָ. האט אין יאהר 1937 דערגרייכט ביז-איצט נישט-נאָטירטע, ממש אימפאָזאַנטע רעזולטאטען, בעזונדערס אויפ'ן געביט פון דעפאָזיטען. די אַלגעמיינע דעפאָזיטען-סומע אין פ. ק. אָ. האט צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע איבערגעשטיגען צום סוף 1937 איין מיליאַרד זלאָטעס. און די איינשפאָרונגס-דעפאָזיטען אליין זענען געשטיגען מיט 120,9 מיליאָן זלאָטעס ביז 781,8 מיליאָן זלאָטעס ד. ה. כמעט אויף 20 פראָצ.

א מיליאַרד זלאָטעס איז א סומע, וואס בעטרעפט אומגעפעהר א העלפט פון דעם מלוכה-בודזשעט, אזוי גרויס איז אויך דער באַנקנאָטען-אומלויף פון „באַנק פאָלסקי" אין גאנצען לאַנד. מיט אנדערע ווערטער, די בעזיצער פון די שפאָר-ביכלעך פון פ. ק. אָ. וואָלטען געקענט מיט זייערע איינשפאָרונגען דעקען א העלפט פון די יעהרליכע הוצאות פון דער מלוכה אויסקויפען אלע באַנקנאָטען, וואס געפינען זיך אין אומלויף און ענדליך איינקויפען אזוי פיעל גאָלד, אז דער גאָלד-זאַפאַס פון „באַנק פאָלסקי", וואס גאראנטירט דעם באַנקנאָטען-אומלויף, וואָלט דרייפאַכיג געשטיגען. דער דאָזיגער ריזיגער גאָלד-רעזערוו איז ענטשטאַנען פון פערהעלטנישמעסיג קליינע סומעס: אויף איין בעזיצער פון א פ. ק. אָ.-שפאָר-ביכעל פאַלט אויס דורכשניטליך 270 זל. איינשפאָרונגען.

ווי ווייט עס האט זיך פערשפרייט אין גאנצען לאַנד די איינשפאָרונגס-אידעע, בעווייזט די צאהל בעזיצער פון שפאָר-ביכלעך: 2,919,747 ד. ה. כמעט דריי מיליאָן. מיט אנדערע ווערטער–יעדער צוועלפטער איינוואוינער פון פוילען בעזיצט א שפאָר-ביכעל פון פ. ק. אָ. די צאהל איינשפאָרער איז אין משך פון יאהר 1937 געשטיגען מיט 636,439 ד. ה. דער מאָנאַטליכער צוּוואוּקס האט בעטראָפען דורכשניטליך 53.000 שפאָר-ביכלעך. אין משך פון 10 יאהר איז די צאהל איינשפאָרער אין פ. ק. אָ. געשטיגען 16-פאַכיג און די איינשפאָרונגס סומע 12-פאַכיג.

דער טשעק אומזאַץ פון פ. ק. אָ. דערגרייכט דעם ביז-איצט נישט-נאָטירטען הויך פון 32,7 מיליאַרד זלאָטעס אנדערש גערעדט: דורך דער טשעק אָבטיילונג פון פ. ק. אָ. פליסען דורך אין משך פון 12—11 טעג סומעס, וואס זענען גלייך מיט דעם גאנצען באַנקנאָטען-אומלויף אין פוילען.

די טשעק-דעפאָזיטען זענען אין יאהר 1937 געשטיגען מיט 23'6 מיליאָן זלאָטעס, דערגרייכענדיג ביז 255,6 מיליאָן זלאָטעס. אין משך פון די לעצטע 10 יאהר איז דער אומזאַץ אויף די טשעק-קאָנטאָ'ס פון פ. ק. אָ. געשטיגען מיט 100 פראָצ.

אויף דעם געביט פון פערזיכערונגען וואס איז אמנאָהנטסטען צום דעפאָזיטען טייל, האט פ. ק. אָ. דערגרייכט גאנץ בעדייטענדע רעזולטאטען אין דעם פערגאנגענעם יאהר.

די טעטיגקייט פון פ. ק. אָ. בעגרעניצט זיך אָבער נישט צו דער זאַמלונג פון קאַפּיטאַלען. אין יאהר 1937 האט זיך די קרעדיט-אקציע פון פ. ק. אָ. פערגרעסערט מיט 216 מיליאָן זלאָטעס און די אַלגעמיינע סומע ערטיילטע פ. ק. אָ.-קרעדיטען האט צום סוף יאהר בעטראָפען כמעט א מיליאַרד זלאָטעס. פון דאָזיגע קרעדיטען האבען גענאָסען פיעל געביטען פון אונזער ווירטשאַפטליכען לעבען. אויף קאָמונאַלע אינוועסטיציעס ווי בויען עלעקטראָווניעס, וואַסער-לייטונגען, קאַנאַליזאַציע–האט פ. ק. אָ. בעשטימט העכער 29 פראָצ. פון אלע קרעדיטען, אויף פערשידענע בוי-צוועקען און בעזונדערס וואוינונגס בוי–27 פראָצ. פון אלע קרעדיטען. די לאַנדווירטשאַפט האט בעקומען 23 פראָצ. פון אלע פ. ק. אָ.-קרעדיטען אויף בויען פערשידענע קאָמוניקאַציע מיטלען און אנדערע ווירטשאַפטליכע צוועקען האט פ. ק. אָ. ערטיילט קרעדיטען אויף 190 מיליאָן זלאָטעס. פון די דאָזיגע ציפערן איז צו זעהען; אז די קאַפּיטאַלען פון פ. ק. אָ. ערפולען א ווירקזאַמע ראָלע ביי סטימולירען די אינוועסטיציע-בעוועגונג אין פוילען, וואס בילדעט דעם רעאַלסטען יסוד פון א ווירטשאַפטליכער אויפלעבונג אויף א לענגערע צייט.

ענייני כשרות

אויף אנ'אסיפה פון ראַבינאַט איז בעשלאָסען געוואָרען צו האבען א שטרענגע השגחה איבער די וואורשט-פאַבריקאַנטען. צוליב דעם איז בעשטימט געווארען א ספעציעלער נאמן א ירא-שמים מפורסם, וואס זאָל עטליכע מאָל טעגליך בעזוכען די אויבענדערמאנטע פאַבריקען און נאכזעהען, צי עס איז אלעס בכשרות.

די וואורשט-הענדלער, וועלכע וועלען זיך אונטערוואַרפען די בעשלוסען פון ראַבינאַט, וועלען בעקומען יעדען חודש א הכשר. אויך וועט יעדעס פעקעל וואורשט וואס וועט דורך זיי פערקויפט ווערען, פערזעהען זיין מיט א חתימה: „וואורשט כשר בהחתימת ביד"צדק דפה". די נעמען פון די וואורשט-פאַבריקאַנטען וועלען בעזונדערס פערעפענטליכט ווערען.

א רעפעראַט וועגען דער נייער צושניידער-קונסט

אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, וואס ס'ווילט ביי אונז אין שטאָדט דער צושניידער-פראָפעסאָר ה' ה. ל. גאָלדשטיין, אָרדענט איין דער שניידער-צעך שבת, דעם 29 יאַנואַר 1938 י. פונקטליך 7.30 א זייגער אווענד אין אייגענעם לאָקאַל א רעפעראַט פון פראָפ. ה. ל. גאָלדשטיין א. ד. ט.: „וואס דאַרף יעדער שניידער וויסען וועגען דער נייער צושניידער-קונסט".

די פאָרלעזונג וועט ווערען בעגלייט מיט בילדער.

איינגאַנג פריי נאָר פאר מיטגלידער פון שניידער-צעך.

ענטדעקט דעם מערדער פון דער לעהרערין אין בור-זאַפילסקי

אונזערע לעזער געדענקען נאך מסתמא דעם גרויזאַמען מאָרד איבער דער 40 יעהריגער לעהרערין פון דער פאָווּשעכנער שולע אין בור-זאַפילסקי – אָדעלא גרושקאַ.

דער מערדער האט אין דער נאַכט פון 18 דעצעמבער פ. י. זיך אריינבעקומען אין דער וואוינונג פון דער לעהרערין און מיט א האַק איהר דערלאַנגט דעם טויט-קלאַפּ אין קאָפּ, בעת די אומגליקליכע איז געזעסען פערטיעפט אין דער אַרבייט ביים קאָרעגירען די שול-העפטען.

די אויספאָרשונגס-פאָליציי האט צומאָרגענס נאכ'ן מאָרד אַרעסטירט דעם פערדעכטיגען מערדער, אָבער ביז צום פערענדיגען די אויספאָרשונג נישט פערעפענטליכט זיין נאָמען.

די לעצטע טעג האט די אויספאָרשונג דערפיהרט צו קאָנקרעטע רעזולטאטען, וואס ס'ערמעגליכט צו פערעפענטליכען דעם נאָמען פון מערדער. ער הייסט פּיאָטר פאַרקיטני, 21 יאהר אַלט, א זוהן פון א דאַרטיגען פויער, וואס וואוינט נעבען דער שולע.

דעם מאָרד איז פאַרקיטני בעגאנגען אויס פערזענליכער נקמה.

דער קאָנצערט פון יאָסעלע קאָלאָדני

(טעאטער-נאָטיצען)

יאָסעלע קאָלאָדני איז אין טשענסטאָכאָוו א חוץ דעם איצטיגען מאָל שוין געווען מיט צוויי קאָנצערטען און ביידע מאָל געהאט א דורכפאַל. דער עולם איז געזעסען אינדערהיים און נישט געקומען איהם הערען. דאָס איז פאר אַלעמען, וועלכע האבען איהם געקענט און געהערט זינגען געווען אונפערשטענדליך, פארוואס עפּיס איז אונזער שטאָדט אין דעם פּרט אנ'אויסנאָהם, אינדערצייט ווען אין ווארשא און אין אנדערע שטעדט האט דער דאָזיגער בעליבטער זינגער א קאָלאָסאַלען ערפאָלג.

שווער צו דערגעהן א טאָלק און זיך פונאַנדערצוקלויבען אין די זאכען פון ערפאָלג און מיסערפאָלג, וואס עס האבען אָדער האבען נישט ביי אונז אין שטאָדט די אָדער יענע אנסאמבלען, אָדער איינצעל-אויפטריטען פון בעריהמטע שוישפּילער. טשענסטאכאוו איז אין דער הינזיכט א ספינקס, וואס מען קען איהר קיינמאָל נישט פערשטעהן. זי האט שוין א שם אין די בעסערע טעאַטער-קרייזען אין ווארשא פאר א נישט-גוטע טעאטער-שטאָדט. אַלע ווייסען שוין דאָרט, אז האבען דאָ ערפאָלג איז נישט אָבהענגיג פון גוטען רעפּערטואַר אָדער גוטען אנסאמבל-צוזאמענשטעל, נאָר פון צופעליגקייטען, וועלכע מען קאן קיינמאל נישט פאָרזעהן. דערפאר האט קיינער נישט קיין ספּעציעלען חשק זיך צו אונז אראָבצוכאַפּען. און אויב מיר האבען שוין יאָ פון צייט-צו-צייט דאָ עמיצען, איז עס אדער אָדורכפאָהרענדיג, אָדער בעל-כרחך.

דאס דאָזיגע זאגען מיר אויפ'ן סמך פון די פיעל געשפרעכען, וואס מיר האבען געהאט מיט פערשידענע אַרטיסטען, וועלכע האבען שוין אנ'אויסגעאַרבייטע מיינונג וועגען דער זאַך. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט יאָסעלע קאָלאָדני, וועלכער האָט קיין איבריגען חשק נישט געהאט אראָבצונידערען קיין טשענסטאָכאָוו, נישט ווייל די שטאדט געפעלט איהם נישט, נאָר פּשוט דערפאר, ווייל ער האט מורא געהאט, אַז ער זאָל אויך צום דריטען מאָל נישט האבען קיין דורכפאַל. און אויב דאָס יעצטיגע מאָל איז עס אזוי נישט געווען, איז עס אפשר ווידער אמאָל געווען אָ קאַפּריז, א צופעליגקייט פון היגען טעאטער-עולם, וועלכער איז צוגעוואוינט נישט צו געהן אין יורישען טעאטער, נאָר מען לויפט, וואלט דער עולם נישט געלאָפען, נאָר געגאנגען, וואלט דאך קאָלאָדני געדאַרפט האבען פריהער אויך ערפאָלג. ער איז דאך ביי זיינע ערשטע צוויי קאָנצערטען פונקט אזוי גוט געווען – אויב נישט נאָך בעסער – ווי דאס איצטיגע מאָל און דאָך איז דער עולם דאן נישט געגאנגען און איצט איז מען געלאָפען.

דאס אויבען-געזאגטע כאראקטעריזירט בולט די שטימונגען פון היגען פובליקום, וועלכער געהט קיינמאָל נישט אין יודישען טעאטער מיט א פעסטער מיינונג, מיט א בעגרינדעטען צוטרוי, נאָר לאָזט זיך מיטרייסען און דערפון קומען ארויס פערשידענע סיורפריזען.

* * *

דער דינסטאַג'דיגער קאָנצערט פון יאָסעלע קאָלאָדני איז געווען זעהר געלונגען און אדורך מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. כאטש דער אויסוואהל איז נישט געווען אזא געקליבען-ליטעראַרישער איז אָבער דער רעפּערטואַר אַלס גאנצער געווען אינגאנצען ניי און געשטאַנען אויף א געזונג-הויכער ניוואָ. מיר וואָלטען די קליינע בעמערקונג אין בעצוג צו אנ'אנדערען נישט געמאכט, אָבער פון קאָלאָדני, דעם טאַלאַנטפולען אַרטיסט און רעציטאַטאָר פערלאַנגט מען שטענדיג עפּיס מעהר ווי פון דורכשניטליכע אַקטיאָרען.

פון די פאָלקס-לידער זענען ספּעציעל געווען גוט „דער בעל-עגלה" און „ראָס שניידעריל", וואס איז געווען פון א גאנץ נייעם ביז איצט ביי אונז נאך נישט געהערטען אינהאַלט און מוזיק.

פון די איבריגע זענען געווען זעהר געלונגען אויסגעפיהרט די לידער: „מענשען אלערליי", „די פאַרטענצערין", „פון וואו קומט א יונגערמאַן" א. אנד., וועלכע זענען אלץ נייע זאַכען מיט א בייסיגען, סאטירישען אינהאלט אויף דער היינטיגער יוגענד.

די רעציטאַציע: „שטעל זיך אָב זון און זאָל זיך מעהר די ערד נישט דרעהען און נישט טהון קיין טובות די מענשען" – איז געווען קרעפטיג און ביז גאָר געלונגען.

יאָסעלע קאָלאָדני געהער בלי ספק צו די בעסטע יודישע פאָלקס-זינגער, ביי וועמען יעדעס וואָרט קומט ארויס געשליפען, געצערטעלט און שטאַרק אַקצענטירט. ער איבערצייגט דעם צושויער מיט זיין הארציגען זינגען און אויסגעצייכענטער מימיק.

דער קאָנצערט, וואס איז געווען רייך סיי אין כמות, סיי אין איכות, האט ביי אלע אנוועזענדע איבערגעלאָזט א גוטען איינדרוק און דער עולם האט דערפאר קאָלאָדני'ן בעשאָנקען מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען.

מ. קויפמאַן

אסיאקעווער יודען אראָבצוטרייבען פון מאַרק און פאַר זיי צו בעשטימען א געטאָ אויף דער טאַרגאָווישקע

אזא בעשלוס האט אָנגענומען דער דאָרטיגער שטאדט-ראַט

זונטאג איז אראָבגעקומען קיין וויעלון א יודישע דעלעגאציע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 8 אָסיאָקעווער סוחרים און ראטמענער, אינטערוועניערען געגען דער גזירה פון דאָרטיגען גמינע-ראָט.

שוין א צייט ווי עס בושעוועט אין דאָרטיגען שטעדטעל דער זאָאָלאָגישער אנטיסעמיטיזם און די דאָרטיגע יודען האבען אויסצושטעהן צרות צרורות. מען פּיקעטירט כסדר זייערע געוועלבער און סטראַגאָנעס, מען לאָזט נישט צו און מען שלעפּט אַוועק די קונים; מען שלאָגט און מען האַקט כסדר אויס שויבען פון די וואוינונגען און געוועלבער.

אַממייסטען צייכענען זיך אויס די דריי ברידער לעבעדיעוו, וועלכע פיהרען אָן מיט דער „פּאַטריאָטישער" כוליגאנישער ארבייט געגען די דאָרטיגע יודען.

די מעשים תעתועים און די פאַראָרימונג פון דער דאָרטיגער יודישער בעפעלקערונג איז שוין בעקאנט אין דער לאנדעס פרעסע, דורך וועלכער די אסיאקאווער יודען האבען אלאַרמירט נאך הילף. נאָר טאָמער איז דאס ווייניג האבען די דאָרטיגע נאָראָווצעס אויף דער שטאדט-גמינע-זיצונג פון שבת-צו-נאַכט'ס אריינגעטראַגען א פאָרשלאָג די יודישע בוידען געענצליך צו בעזייטיגען פון מאַרק און פאַר זיי בעשטימען א פּלאַץ ערגיץ אויף דער טאַרגאָווישקע. דער שענדליכער פאָרשלאָג איז געווארען אָנגענומען מיט אלע 14 פוילישע שטימען געגען די יודישע 9.

די יודישע דעלעגאציע האט זיך געוואָנדען צום וויעלונער קהלה פרעזעס בערקאָוויטש, וועלכער האט פערשפּראָכען צוזאַמען מיט ה' יוסף יונג וועגען דעם צו אינטערווענירען ביים ה' סטאראסטא.

רעפּערענט גראַטשעק צו וועלכען פרעזעס בערקאָוויטש האט זיך תיכף געוואָנדען, האט פערזיכערט, אז דער וויעלונער סטאַראָסטא וועט גאנץ בעשטימט דעם בעשלוס, וועלכער איז געגען דעם געזעץ אָבוואַרפען.

נייע ריכטער אין טשענסטאָכאָוו

די צאָהל היגע ריכטער האט זיך היינטיגע וואָך פערגרעסערט. אויפ'ן אָרט פונ'ם שטאדטישען ריכטער שעניצקי, וועלכער איז איבערגעטראָגען געווארען קיין קראקא אויפ'ן אַמט פון וויצע-פּראָקוראָר פון קרייז-געריכט – איז נאָמינירט געוואָרען ריכטער דר. סטאַווינסקי פון אָסטראָוו-מאַזאָוויעצק. אויסער דעם זענען צו דער ציוויל-אָבטיילונג צוגעטיילט געווארען די געריכטס-אַסעסאָרען: אַנטאָני טשערווינסקי פון לאָדז און לעאָן נאָגלאָווסקי פון טשענסטאכאוו.

די דאָנערשטאָג'דיגע זיצונג פון שטאָדט-ראַט

אין אָנהויב פון דער דאָנערשטאָג'דיגער זיצונג איז דער ענדעקישער ראַטמענעד-קלוב ארויסגעטרעטען מיט א דרינגענדען פאָרשלאָג אויסצושליסען דעם ראַטמאַן דר. אַרנאָלד בראָם פון דער ראַטמענער-ליסטע צוליב דעם, וואס אין זיין רענטגענאָלאָגישען אָנשטאַלט ווערען געשיקט קראַנקע דורכ'ן מאגיסטראט און אזוי-ארום שטעהן זיי אין נאָהנטע געשעפטליכע בעציהונגען.

פאר דער דרינגליכקייט פונ'ם דאזיגען פאָרשלאָג זענען אבגעגעבען געוואָרען 12 שטימען, געגען — 21 און 6 ראַטמענער האבען איבערהויפּט זיך אבגעהאלטען פון שטימען.

צוליב'ן דאזיגען אויסגאַנג פון דער אבשטימונג, איז דער פאָרשלאָג, ווי געוועהנליך, איבערגעוויזען געוואָרען דער שטאָדט-פערוואלטונג צו בעטראַכטען לויט דער רייה.

דאן איז דורכ'ן זעלבען ענדעקישען ראַטמענער-קאָלאָ אריינגעטראגען געוואָרען א צווייטער סענסאַציאָנעלער פאָרשלאָג וועגען טאדלען דעם אויפרוף, וואס איז ארויסגעגעבען געוואָרען דורכ'ן יודישען ראַטמענער-קאָלאָ אין צוזאמענהאַנג מיט'ן פּיקעטירען די יודישע געשעפטען.

היות אבער די פאָרשלאג-געבער האבען נישט בייגעלעגט קיין בעוויז-מאַטעריאַל — איז די אָבשטימונג וועגען דעם דאזיגען פארשלאג אבגעלעגט געוואָרען ביז צו דער צייט, ווען ס'וועט צוגעשטעלט ווערען אזא אויפרוף.

דערנאך האט ראַטמאַן סמולסקי, אלס פאָרזיצענדער פון דער רעוויזיאָנס קאָמיטע, אבגעגעבען דעם בעריכט פון די ארבייטען ארום דעם שטאָדטישען בודזשעט אויפ'ן יאהר 36—1935. אינ'ם בעריכט איז די פינאַנץ פּאָליטיק פון דאמאלס-דיגען מאגיסטראט מיט'ן פּרעזידענט מאַצקעוויטש אין דער שפּיץ אין אָלגעמיין כאַראַקטעריזירט געוואָרען אלס פּאָרזיכטיגע. טראָץ דעם האט די קאָמיסיע געפינען געוויסע אונפּינקטליכקייטען, ווי: צוליב נישט פאראויסגעזעהענע סיבות זענען איבערגעשטיגען געוואָרען מיט 1500 זלאטעס די אויסגאבען אויף דיעטען (הוצאות) פאר די ראַטמענער און מאגיסטראט-פארשטעהער, דאס אויסצאהלען צוגאב-פענסיעס פאר די אנגעשטעלטע, וואס האבען נישט גענאָסען פון אורלאַפּען, דאס כלומרשטע צונעמען דורכ'ן שטאָדט-פּרעזידענט 1,000 זלאטעס אָהן בעריכטיגונג, דאס נישט איינקאַסירען 114.000 זל. פון די לאָקאַטארען פון די שטאָדטישע הייזער א. א.

דער בעריכט ענטהאַלט א רייה פאָרשלאגען אין דער ריכטונג צו בעזייטיגען אין דער צוקונפט געוויסע אונפּינקטליכקייטען, צוריקפאָדערען פון געוו. פּרעזידענט מאַצקעוויטש די גענומענע סומע און פון דער עלעקטראָווניע — גענויער ספּעציפּירען די רעכנונגען.

אָהן דיסקוסיע האט דאן דער שטאדט-ראט אנגענומען דעם סטאַטוט פון מעדיצינישער הילף פאר די שטאדטישע אנגעשטעלטע. אויסער דעם ווערען שנעל ערלעדיגט א רייה שטייערענינים און מען געהט צו צום ענין פון צוטיילען די שטאָדט טשענסטאָכאָווו און פּאָוויאַט צו דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע.

כדי ענדגילטיג צו פארמולירען די שטעלונג פון שטאדט ראט בנוגע דעם וויטערדיגען גורל פון טשענסטאכאוו איז געוועהלט געוואָרען א ספּעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכער ס'זענען אריין די ראַטמענער: דיר. פלאָדראָווסקי, דעפּ. קאַביליצקי, פאַראָדאָ, קריגער, קאָנוס, מאגנוסקי, דאמבראָווסקי, זאָזשעצקי, אדוו. פלעבאַנעק, דר. מערינג און פאָוסט.

צום סוף טרעט נאך ארויס דער ענדעקישער ראַטמענער-קלוב מיט א פאָרשלאג וועגען די איינקריפען פון מאַגיסטראַט און יודישע פירמעס. דער פארשלאג ווערט איבערגעשיקט צום מאַגיסטראָט.

פונ'ם יודאַאיסטישען צענטער

מאָרגען, שבת פונקטליך 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר הירשבערג, וועלכער וועט רעפערירען א. ד. ט.: „דער סאָציאַליזם פון דער תורה".

אַבטונג האַנדווערקער!

יעדען מיטוואָך פון 10—9 אָוו. אַמטירט ביי אונז אין סעקרעטאַריאַט אדוואָקאט מ. גאָלדבערג וועלכער ערטיילט יורידישע עצות פאר די מיטגלידער אומזיסט.

די פערוואַלטונג.

די אַקציע פון יוו"א

ווי מען טיילט אונז מיט, ווערט די אַקציע פאר יוו"א אין אונזער שטאדט געפיהרט מיט גרויס ערפאָלג.

פראָפ. ברוידע האט אין משך פון דער וואָך געהאלטען א רייהע רעפעראַטען אין אינזשיניערען פאַראיין, אין דער ליגע פון ארבייטענדען ארץ-ישראל, ביים „בונד", אין די יודישע גימנאַזיעס, דאָן א וויסענשאפטליכע דיסקוסיע אין דאָקטוירים-פאַראיין א.אז.וו.

אין משך פון דער קינפטיגער וואָך קומט ווייטער פאר דער המשך פון דער אַקציע.

דעם 1 לוטי — דער יעהרליכער פּרעסע-באַל

דעם 1 לוטי ה.י. וועט אין די זאלען פון האָטעל „פּאָלאָניאַ" פּארקומען א מאַסקען באַל, אָרגאַניזירט דורכ'ן זשורנאַליסטען סינדיקאַט פון דער קעלצער וואָיעוואודשאַפט בשותפות מיט'ן אַרטיסטען אַנסאַמבל פון קאַמערעל-טעאַטער.

די פאָראיינטערעסירונג מיט'ן דאָזיגען באָל איז א גרויסע, ווייל ער איז פערבינדען מיט א רייכע רעווי.

געגען צוטיילען טשענסטאָכאָוו צו דער לאָדזער וואָיעוואודזשטווע

אונטער'ן פאָרזיץ פון וויצע שטאָדט-פּרעזידענט דזשובאַ האט זיך אין מאַגיסטראָט פערזאַמעלט די קאָמיסיע צו בעטראַכטען דעם פּראָיעקט פון צוטיילען טשענסטאכאוו צו דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע. די קאָמיסיע, וועלכע איז ספּעציעל צו דעם צוועק אויסגעוועהלט געוואָרען דורכ'ן שטאדט-ראט האט זיך אַרויסגעזאגט געגען אָבריימען טשענסטאכאוו פון זאַגלעמביע און צוטיילען צו דער ווירטשאַפטליך שוואַך-ענטוויקעלטער לאָדזער וואָיעוואודשאַפט.

די אינדיווידועלע מייסטערשאַפטען פון פינג-פּאָנג

בעת די אינדיווידועלע מייסטערשאַפטען פון פינג פּאנג פאר פרויען אויפ'ן יאהר 38—1937 האט דאס ערשטע אָרט פערנומען פרל. בינענשטאָק (הכח), צווייטע—פרל. פּאָראָש (וואַרטאַ), דריטע—פרל. הערצבערג (מכבי), פערטע — סאָמאָשעווסקא (ווארטא)

בעת די אינדיווידועלע מענער מייסטערשאפטען אויפ'ן יאהר 38—1937 האט דאס ערשטע אָרט פערנומען ה' בירמאָן (אַדמירא), צווייטע — ווייסבראָט (הפּועל), דריטע — דראָזשדזיק (מכבי), פערטע — ראָדאָל (מכבי).

קאָמוניקאַט פון דער פערוואַלטונג פון טשענסטאָכאָווער פינג - פּאָנג - פערבאַנד

אויף דער פערוואלטונגס זיצונג פון טשענסטאכאווער פּינג-פּאָנג - פערבאָנד, דעם 5 יאַנואַר ה.י. האבען די מיטגלידער ה"ה: ז. זילבערבערג, מ. קויפמאַן און ל. כליוונער בעלעגט זייערע מאַנדאַטען. די פערוואלטונג האט זייער דימיסיע אנגענומען.

לויט'ן בעשלוס פון דער פערוואַלטונג זענען אויף זייער אָרט צוקאָאָפּטירט געוואָרען אלס פערוואלטונגס מיטגלידער די ה"ה: רענקשאָווסקי, גערשאנאוויטש און העלמאַן, ווי אויך מיט בעראַטונגס-רעכט די ה"ה: ש. גליקסמאַן און ח. בירענהאָלץ.

נייע פּאָסט - פּיליעס

אין דער נאָהנטסטער צייט וועלען אין טשענסטאכאוו און אין פּאוויאַט געעפענט ווערען נייע פּאָסט-פּיליעס. איינע פון זיי וועט זיין טעטיג אויף אָסטאָטני גראָש, די צווייטע — אין דער געגענד פון קלויסטער, אויסשליסליך בעת'ן פּילגרימער-סעזאָן. פּאָסט אַגענצען וועלען געעפענט ווערען אין הוטקי, ליפּין און פּאָזשימיען.

Proszek od BÓLU GŁOWY

DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.

KOWALSKINA

stosuje się również

PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

Dr. med.

A. WOLBERG

choroby skórno - weneryczne

POWRÓCIŁ

i ordynuje od 4—7 po poł.

Aleja Wolności № 13

II piętro tel. 13-67.

פּאַרבערייַ און בעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואָשען מיט דויער-האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ

ספּעציאַליטעט:

1) אויספרישען (פארבען) פעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען אויפ'ן אָרט).
4) כעמיש ריינגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן.

KINO „EDEN"

מיר בעגיינען אויף עטליכע מעג דאס אומשטערבליכע קונסטווערק פון מאָניושקאָ

Halka

אין די הויפּט ראָלען:

זשעלינסקאַ, לייביס, זאכראָווויטש

און אנד.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

לעצטע 2 מעג

הערליכע פּרעמיערע פון לאַנג ערוואַרטעטען פילם

GDY KWITNĄ BZY

אין די הויפּט - ראָלען:

זשאַנעט מאַקדאָנאַלד

דזשאָן באַרימור

נעלסאָן עדי

אָנהויב שבת און זונטאג 12·30 א זייגער

Kino „LUNA"

דאס הערליכע אמאַנטען-פּאָר

GRACE MOORE

i CARY GRANT

צום ערשטען מאָל צוזאמען

אין ליבעס-פילם

„Kiedy jesteś zakochana"

לעזט אויפמערקזאם!!!

די גוט = בעקאַנטע קויהלען = פירמע

פון **י. ווייגבלום, יאַסנאָגורסקאַ 21**

מאכט בעקאנט, אז זי האט געעפענט

א קויהלען = סקלאַד

אויף אַלעע וואַלנאָשטשי 41

וואו ס'ווערט פערקויפט אין הורט און דעטייל קויהלען פון דער בעסטער גרובע „JULJUSZ KAZIMIERZ" ווי אויך האָלץ-קויהלען און קאָקס. אהיים ווערט געשיקט קויהלען פון איין קערץ אָן. בעשטעלונגען ווערען אויך אנגענומען דורכ'ן טעלעפאָן נר. 13-36, ווי אויך דורכ'ן פּריוואַט - טעלעפאָן נר. 17-01.

פּרייזען — מעסיגע.

אונזער פריינד **שמאל מאַיעראָוויטש** און **פרוי** צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **גוטשאַ** מיט ה' **הערמאַן מאַנדעל** פון טשענסטאָכאָוו ווינשען פיעל גליק און נחת.

ישראל יצחק לעווקאָוויטש און פרוי, וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **גוטשאַ** מיט ה' **הערמאַן מאַנדעל** פון טשענסטאָכאָוו, ווינשען מיר די עלטערן, אונזער שכן און ווירט שמואל מאַיעראָוויטש און פרוי א הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת.

הירשל יאָסקאָוויטש און פרוי, לייב קאַשטאַן און פרוי.

אונזער פריינד שמואל צווערין און פרוי צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **פריידל** מיט ה' **לייזעראָוויטש** פון לוטוטאָוו—די בעסטע וואונשען

משה יודקעוויטש און פרוי

בערל יודקעוויטש, וויעלון

Rega Gutmanowna — **Marek Kaliski**

Zaręczeni

Wieluń — w styczniu 1938 r. — Konin

Z okazji zaręczyn naszej drogiej i ukochanej siostry Regi Gutmanówny z p. Marysiem Kaliskim życzymy wiele szczęścia i pomyślności

Hela i Szmulcio.

את סגן יושב-ראש מועצת הקהלה בוילון **חיים גוטמן**

לרגלי ארוסת **בתו**

שלטון והמועצה

של הקהלה בוילון.

לחברנו סגן יושב-ראש מועצת הקהלה העברית **חיים גוטמן**

ברכות מאליפות לארושיה של **בתו**

שולחים: ועדת ברית הצה"ר, ועדת קרן-תל-חי

מפקדת וקן בית"ר, וילון.

אונזער פריינד ה' **חיים גוטמאַן** אה. **פרוי** צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **רעגינאַ** מיט ה' **מאַרעק קאַליסקי** גראַטולירען הערצליך

אליעזר בערקאָוויטש און פרוי

אונזער ג' חבר חיים גוטמאַן צו דער פערלאָבונג פון זיין טאָכטער **רעגינאַ** מיט ה' **מאַרעק קאַליסקי** ווינשען מיר פיעל גליק און נחת

געברידער קאָניארסקי, דוד בער כלאָפּאַק, חיים דאַווידאָוויטש

א הערצליכען מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער ג' חבר חיים גוטמאַן און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער.

מענדל גאַדט, שאול אבראַמאָוויטש, משולם סקאָוראָנעק און פרוי

ברכה לבבות לידידנו **חיים גוטמאַן**

לרגלי ארוסיה של **בתו**

שולחים **יוסף שאַיאַ ורעיתו**

את ידידנו **חיים גוטמן** מפאת ארושיה של **בתו**

ברכות לבביות שולחים

יעקב שאיא ורעיתו, שמואל שאיא ורעיתו

אשר מענדלעוויטש און פרוי.

אונזער פריינד און שכן חיים גוטמאַן צו דער פערלאָבונג פון זיין טאָכטער **רעגאַ** מיט ה' **מאיר קאַליסקי** פיעל גליק און נחת ווינשט

יענב אלי' עדעליסט און פרוי

ברכות מאליפות לידידנו **חיים גוטמאַן ורעיתו**

להכניסו את **בתו** בברית האירושין

איכל לאנדוי ורעיתו, צבי וואלמאַן ורעיתו

אהרן לייב אראָנאָוויטש

א הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת אונזער פריינד חיים גוטמאַן און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **רעגאַ** מיט ה' **מאיר קאַליסקי** ווינשען:

מאַנדעל וואָלקאָוויטש און פרוי, הירש לייב סעמאַנאָוויטש און פרוי, יחיאל עפשטיין און פרוי

Z intencji zaręczyn p. Reginy Gutmanówny z panem M. Kaliskim z Łodzi, składamy najserdeczniejsze życzenia

A. Sobelmanowie

א נייער ראַטמאַן פון דער האַנדעלס - קאַמער

מצד דעם צענטראַלען פערבאַנד פון טעקסטיל-אינדוסטריעלער מיט'ן זיץ אָרט אין לאָדז איז אויפ'ן אָרט פון סאָסנאָווצער אינדוסטריעלער דיטעל אריין אלס ראַטמאַן אין דער האַנדעלס-און אינדוסטריע-קאַמער אין סאסנאָוויץ דער פּרעזעס פון דער היגער יוטע-פאַבריק „וואַרטאַ" דר. לעאָפּאָלד קאָן.

פון „התאחדות"

פרייטאג, דעם 28 ד. ח. 8 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל ווארשאווער 21 קומט פאָר א רעפעראַט פון מגר. י. קליינבערג א. ד. ט.: „אנטיסעמיטיזם אין ליכט פון דער ווירטשאַפט".

זונטאג. דעם 30 ד. ח. 8 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל ווארשאווער 21 קומט פאָר א רעפעראַט פון פּראָפ. ברוידע פון ווארשא, שליח פון יוו"א, א. ד. ט.: „די אויפשטהונג און די נאָהנטסטע פּלענער פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט".

נדבות אין רעד. פאר דער געז, „תומכי עניים"

פרוי וו. און קינדער צו דער יאָהרצייט פון זייער פערשטאָרבענעם מאַן און פאָטער זאב ז"ל 50 קילאָ ברויט.

ה' יצחק ליפּסקי צו דער יאָהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער מוטער פייגה ז"ל 20 קילאָ ברויט.

ה' יואל טויבענבלאַט און פרוי צו דער יאָהרצייט פון זייער פערשטאָרבענעם פאָטער און שווינערפאָטער משה ז"ל 10 קילאָ ברויט.

ה' הלל עפשטיין 6 קילאָ ברויט און 15 הערינג.

די פוילישע מייסטערשאַפטען פון פינג-פּאָנג קומען פאָר אין טשענסטאָכאָוו

די פוילישע מייסטערשאַפטען פון פינג-פּאָנג קומען פאָר דעם 19 און 20 לוטי אין טשענסטאכאוו.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk B. Bocian, Aleja 6